בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## כי תבא תשכ"ז (חלק ב)

### לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי

• רש"י: וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלברכך • בגמרא: סברא הוא דאסור ליהנות בלא ברכה. וישוב קושיית הפני יהושע למה ברכת הנהנין הוא רק מדרבנן • רמב"ן: הכרת הטוב הוא דבר המובן לכל, ואף לנשים • ספר חסידים: חיוב הזהירות לברך כל ברכה בכוונה • חיוב הכוונה בתפילה, ובפרט בברכת אבות • הָרָעֵב מאוד, אם מותר וצריך לאכול קודם התפלה • אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ, אם אני מרגיש רעבון, סימן שלא אמרתי דיבורי התפילה כראוי • רש"י: נתינת הארץ רק בזכות התורה ובתנאי קיומה, ולכן בברכת הארץ צריך להזכיר תּוֹרָה • מגן אברהם: נתינת מעשר מבריח העכברים, ומציל משכחה • בחובת הלבבות: יש הֶעָרַת הַתּוֹרָה המחייב את האדם לעבוד את ה'. ויש הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל להכנע ולהודות לה' ולעובדו על כל טובותיו, ויש צורך בשניהם •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ה לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס שז** (חלק ב) — **זייער קלאָר** (**30** מינוט מתוך **90**) ★★★★★

**לשון קדשו:** **929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **805** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-2223419**
**79→2→5→7→27.2**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **יואל הכהן הערמאן** הי״ו (ב״ר עוזר)
לנישואי בנו החתן **אברהם** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **מיכאל יודא הכהן קאהן** הי״ו

הר״ר **חנני׳ יו״ט ליפא הלוי קרויס** הי״ו
לנישואי בנו החתן **משה אלקנה** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **נפתלי חיים ענגלענדער** הי״ו

זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרה״ח מסר נפש לשמירת התורה והשבת בארה״ב,
וסיים שלשה פעמים את הש״ס והרבה פעמים משניות
רבי **יוסף** ז״ל **ראבינשטיין**
שו״ב בהאלמין - תלמיד בעל שבט סופר זצ״ל
ב״ר **שמואל הכהן** ז״ל – נפטר כ״ג אלול תש״ז

האשה הצדקנית בת גדולים קדושים
הרבנית **רבקה טויבא** ע״ה **שפיטץ**
בת הרה״ח ר׳ **יעקב דוב** וויינבערגער הי״ד ממארגערטן
אשת הגה״צ ר׳ **משה שפיטץ** זצ״ל
אבד״ק **ביסטריץ**
נפטרה כ״ד אלול תשע״ג

הצדקנית החשובה, צנועה וחסודה, אמונה ויראת ה׳ היא
אוצרה, דקדקה במצות, שפכה שיחה בתפלות ותחנונים תדיר,
מסרה נפשה לעמוד לימין בעלה ולסייעו בהרבצת תורה ויראה
הרבנית **ליבא אסתר** ע״ה **זילבער**
בת הגה״צ רבי **יצחק זאב מאיער** זצ״ל
א״ח יבלחט״א הגה״צ **אבד״ק יאוואזשנא** שליט״א
נפטרה כ״א אלול תשע״ט

האשה החשובה והצנועה,
בעלת מדות טובות, הסתפקה במועט
מרת **גאלדא** ע״ה **טעססלער**
ב״ר **בן ציון** ז״ל - אשת הרה״ח ר׳ **אהרן עוזר** ז״ל
נפטרה כ״א אלול תשס״ה

האשה החשובה והצנועה,
אשה חכמת לב, יראת ה׳ היא תתהלל
מרת **חנה** ע״ה **שווימער**
בת הרה״ח ר׳ **יוסף זאב** ז״ל **מויזקאפף**
אשת הרה״ח ר׳ **אלטר ישכר בעריש** ז״ל
נפטרה כ׳ אלול תשע״ו

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבנית הצדקת חיה רויזא טייטלבוים ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

האשה החשובה מרת
**אסתר** ע״ה **גליק**
ב״ר **אליעזר** ז״ל
אשת יבלחט״א הרה״ח ר׳ **אלטר יחזקאל** שליט״א
נפטרה י״ט אלול תשע״א

הרה״ח רבי **משה אפרים** ב״ר **ארי׳** ז״ל **הערשקאוויטש** – וזוגתו מרת **שפרה יענטא** ע״ה ב״ר **משה יודא** ז״ל

KolSatmar.com

# קושיות ודקדוקים בפרשת בִּכּוּרִים

כח

**קושיא יא**

להבין סמיכות פרשת בִּכּוּרִים, לפרשת וִידּוּי מַעֲשֵׂר

**דאָס סְמִיכוּת** [לפרשת בִּכּוּרִים] **איז מִצְוַת מַעֲשֵׂר,** [בפרשת] **כִּי תְכַלֶּה לַעְשֵׂר.**

**יא)** [דאָס] **דאַרף אויך פְּשַׁט** [לבאר סמיכות אלו הב׳ פרשיות].

כט

**קושיא יב**

למה היה צורך להגיד במצות ביכורים שבא אל הארץ אשר נתן ה׳, והלא רואין שהוא בא

**ווען מ׳האָט געבּרענגט די בִּיכּוּרִים,** [כתיב וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְאָמַרְתָּ אֵלָיו] **הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ.**

**הִגַּדְתִּי, איך זאָג פאַרן באַשעפער,** [אַז] **איך בין געקומען.**

ל

**יב)** [ולכאורה] **וואָס דאַרף מען דערציילן, וואָס דאַרף מען דאָס דערציילן.**

[ואפילו תימא דהכוונה שמגיד להכהן כשעומד בפני ה׳, גם כן קשה, חדא דהרי] **מילא** [אַז] **מ׳דערציילט** [שפּעטער] **אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי** [וכל הענין], **און מ׳לאָזט אויס** [וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי אֶת רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה׳], **נו איז דאָס ממילא** [נשמע, אַז יעצט] **בין איך געקומען.** [ועוד וכי] **ווער זעט דען נישט** [שהוא בא לכאן].

**וואָס דאַרף מען זאָגן,** [הן ענין] **וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ** [וגו׳ וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה וגו׳ וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי וגו׳, והן ענין הכתוב הִגַּדְתִּי הַיּוֹם כִּי ׳בָאתִי׳ וגו׳, ואפילו] **לכהן.**

לט

**קושיא יט-כ**

במדרש: וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב, אין טוֹב אלא תּוֹרָה, לפיכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר

**צום סוף לאָזט זיך אויס** [פרשת ביכורים, בפסוק] **וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב, זאָגט דער מדרש[א] אין טוֹב אלא תּוֹרָה, לכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר.**

**ס׳איז שוין ידוע דער מדרש.**

מ

ויש להבין מה שייך במצות ביכורים ענין השמחה בְּהַתּוֹרָה

**יט)** [וצריך ביאור] **וואו קומט דאָ** [דער פסוק **אין טוב אלא תורה**].

**ער שמועסט דאָ כסדר** [בכל הפרשה] **פון בִּיכּוּרִים,** [וגם הפסוק וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב בא ללמד על ׳מקרא׳ ביכורים שהוא נוהג רק ווען] **ס׳איז זְמַן שִׂמְחָה** [משבועות ועד סוכות[ב], והאיך שייך על זה מה שדורש] **אין טוֹב אלא תּוֹרָה.**

מא

וכן מהו הקישור לזה, עם מה שמסיים דלכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר

**כ) און** [כמו כן צריך ביאור] **וואָס איז דער לכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר, ברויך מען פאַרשטיין** [מה שייך זה אל הדרש דאין טוב אלא תורה].

---

[א] **בתנחומא** (ראה, סימן יא). **בזכות מעשרות מתחטאין** [פי׳ בעץ יוסף: מתטהרין] **ישראל לפני המקום וכו׳, דכתיב וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ, ואין טוב אלא תורה שנאמר** (משלי ד, ב) **כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם וגו׳, לפיכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר** (ראה יד, כב).

[ב] **כמבואר במשנה ביכורים** (א, ו), **וגמרא פסחים (לו:), וברש"י כאן.**

KolSatmar.com

מג

## קושיות ודקדוקים בפרשת וִידּוּי מַעֲשֵׂר

### קושיא כב

בפסוק וְלֹא שָׁכָחְתִּי, פירש״י מלברכך על הפרשת מעשרות. ופירשו במזרחי וגור ארי׳, דאי אפשר לפרשו על ברכת המצות, דהא לא הוה אלא מדרבנן, אלא על עצם ההודאה להשי״ת

**ווייטער ביי** [מצות] **וִידּוּי מַעֲשֵׂר** [שטייט] **לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ, וְלֹא שָׁכָחְתִּי.**

**זאָגט רש״י[ג], לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ, לא הפרשתי ממין על שאינו מינו.**

**וְלֹא שָׁכָחְתִּי, מלברכך, מלברך בשמך.** [אַז] **איך זאָל זאָגן אַ בְּרָכָה.**

**זאָגט דער מזרחי[ד] מיטן גור אריה[ה],** [דאָס] **קען מען נישט מיינען** [בדרשת הפסוק, אַז] **מ׳זאָל מאַכן די בִּרְכַּת הַמִּצְוֹת וואָס מ׳האָט געזאָגט אויף** [הפרשת] **תרומות ומעשרות, וואָרן די בְּרָכָה איז דאָך נאָר אַ דרבנן.**

**נאָר ער מיינט סְתָּם, אַ בְּרָכָה פאַר השם יתברך** [להלל ולשבח לשמו ית׳].

**איך האָב שוין געשמועסט אַמאָל[ו]** [און] **פאַריאָר[ז], פון די רש״י** [מה שנדחקו בזה].

מד

אמנם גם לדבריהם אכתי יוקשה היכן מצינו שיהיה בזה חיוב מדאורייתא

**כב) און** [גם לפי פירושם יוקשה] **וואו שטייט דאָס** [בתורה] **אַז דאָס איז דאורייתא** [לברך ולהודות לה׳ בדרך כלל]**, האָב איך שוין פאַריאָר געשמועסט,** [דלכאורה] **ס׳קוקט נישט אויס** [שהוא דאורייתא, ואם כן האיך דרשו הפסוק וְלֹא שָׁכָחְתִּי על ענין שאינו חיוב דאורייתא].

מה

### קושיא כג

וביותר יוקשה, שהרי באמת מבואר להדיא ברש״י במסכת ברכות, דשפיר קאי דרש זה על ענין ברכת המצות שמברכין על הפרשת מעשרות, וגם מהגמרא שם מוכח כן, וכמו שהקשה התוספות יו״ט על פי׳ המזרחי וגור ארי׳. ולדרך זה ודאי יוקשה קושיית המזרחי וגור ארי׳, דהלא מבואר בכל הפוסקים דהברכות הם רק מדרבנן, ואיך ידרשו הפסוק וְלֹא שָׁכָחְתִּי על זה

**כג) און דערנאָך** [לעומת זה] **איז דאָך שווער** [על פירוש המזרחי וגור אריה שמפרשים כוונת דברי רש״י דאינו על נוסח הברכה. שהרי] **רש״י אין די גמרא זאָגט בפירוש אַרויס, - ס׳איז דאָך אַ מימרא אין די גמרא אין ברכות[ח], וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלברכך, - זאָגט רש״י[ח]** [גופיה]

---

[ג] **ברש״י** (כו, יג): **לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ. לא הפרשתי ממין על שאינו מינו, ומן החדש על הישן. וְלֹא שָׁכָחְתִּי. מלברכך על הפרשת מעשרות.** [ומקורו במשנה דמעשר שני (ה, יא), ובריתא בגמרא ברכות (מ:)].

[ד] **בפי׳ הרא״ם** (כו, יג): **וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלברך על הפרשת מעשרות. פירוש, ׳מלשבחך׳ ומלברכך ׳בעת׳ הפרשת המעשרות, לא מלברך ׳ברכת הפרשת המעשרות׳, שהוא נוסח הברכה שתקנו אנשי כנסת הגדולה לומר** [אשר קדשנו במצותיו וצונו] **על הפרשת המעשרות, שברכת כל המצות אינן אלא מדבריהם. ובספרי ובשלהי מסכת מעשר שני שנו, וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלברכך ׳ומלהזכיר שמך עליו׳, וזה מסכים עם מה שפירשנו על דברי רש״י.**

[ה] **בגור אריה** (שם): **פירוש, שלא שכחתי ׳מלשבחך׳ על הפרשת המעשרות, שנתתי המעשרות ׳לשם הקדוש ברוך הוא׳, ונתתי אותם ׳באהבה׳, ושבחתי עליו הקדוש ברוך הוא. זה פירוש ולא שכחתי ׳מלברך על הפרשת המעשרות׳. שאין לפרש ׳ברכה׳ על פה, דהוי רק מדרבנן.**

[ו] **בס״ג כי תבוא תש״כ, כי תבוא תשכ״ד** (לשון קדשו קונטרס קטז), **עיי״ש באורך בזה. ועיין עוד גם בשו״ת דברי יואל** (פה, ד. ד״ה ואולי).

[ז] **בס״ג כי תבוא תשכ״ו, ועיי״ש באורך בזה.**

[ח] **בגמרא ברכות** (מ:): **גופא אמר רב כל ברכה שאין בה הזכרת השם אינה ברכה, ורבי יוחנן אמר כל ברכה שאין בה מלכות אינה ברכה. אמר אביי כוותיה דרב מסתברא, דתניא לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי, לֹא עָבַרְתִּי מלברכך** [פירש״י: מלברכך ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש תרומה ומעשר]**, וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלהזכיר שמך עליו, ואילו ״מלכות״ לא קתני. ורבי יוחנן, תני ולא שכחתי מלהזכיר שמך ׳ומלכותך׳ עליו.**

KolSatmar.com

אַרויס מלברך אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַפְרִישׁ מַעַשְׂרוֹת, שטייט אַרויס בפירוש, טאַקע דעם נוסח הברכה זאָגט רש״י דאָס גאַנצע לשון, זעט מען דאָך אַז מ׳מיינט יאָ ׳די׳ ברכה.

מו

דערנאָך פרעגט דאָך [עוד] דער **תוספות יום טוב**[ט] זייער האַרב [גם מהגמרא גופא, דהלא] ס׳שטייט דאָך אין די **גמרא**[י] [דקאי על נוסח הברכה, שהרי] די גמרא דרינגט זיך אויף פון דאַנעט [אַז] אַ בְּרָכָה שאין בה ׳מַלְכוּת׳ אינה ברכה, און איינער זאָגט ברכה שאין בה ׳שֵׁם׳ אינה בְּרָכָה, וואָרן ס׳שטייט [במשנה ובריייתא, לא שכחתי] **לברך ׳בשם׳**, און ס׳שטייט נישט געמאָלדן ׳מַלְכוּת׳. [ונמצא] דרינגט מען זיך אויף פון דעם [לא שכחתי] **לברכך** אַז ס׳איז אַ בְּרָכָה, דעם דִין, דִי הלכות בְּרָכוֹת, [אויף] אַ בְּרָכָה אַז ס׳מוז זיין דערינען אַ ׳שֵׁם׳ און מַלְכוּת, **שֵׁם וּמַלְכוּת** מוז זיין דערינען. על כל פנים איז דאָך געדרינגען פון דאַנעט, זעט מען דאָך אַז מ׳מיינט [טאַקע דעם נוסח הברכה], איז דאָך מְבוּאָר אין די גמרא אַז מ׳מיינט יאָ **די בְּרָכָה**.

ס׳איז אַ פֶּלֶא, אַזוי שטייט אין **תוספות יום טוב**, ס׳דאַרף פְּשַט.

מז

ער וויל זאָגן [אַז] ס׳איז [נאָר] **אַן אסמכתא**.

האָב איך דאָך שוין געשמועסט[י] [דעל זה קשה דאם כן] איז דאָך ׳איבעריג׳ דער לֹא עָבַרְתִּי וְלֹא שָׁכָחְתִּי.

---

[ט] **בתוספות יום טוב** על המשנה מעשר שני (ה, יא): **מְלְבָרֶכְךָ וּמִלְהַזְכִּיר שִׁמְךָ עָלָיו. והרא״ש** פרק כיצד מברכין (ברכות מ:) גורס ומלהזכיר [שמך] ׳ומלכותך׳ עליו, לרבי יוחנן דאמר כל ברכה שאין בה ׳מלכות׳ אינה ברכה. **אבל התוספות** (שם, סוף ד״ה אמר) כתבו, דאטו תנא כי רוכלא ליתני וליזיל. ○ **ותמיהני על המזרחי, ורבינו בגור אריה** [דהתוספות יו״ט היה תלמידו של המהר״ל מפראג בעל גור אריה], **שכתבו על מה שפירש רש״י בפרשת כי תבא, ולא שכחתי מלברכך** ׳על הפרשת מעשרות׳, שרצה לומר ׳שבח והודאה׳, דאילו ׳נוסח ברכה׳ אנשי כנסת הגדולה תקנוה ומדרבנן היא. **ואמר המזרחי** שזאת המשנה שאומרת מלברכך ׳ומלהזכיר שמך׳, מסכים עם זה הפירוש על דברי רש״י. **ואיך תסכים עם זה הפירוש, אחרי שהגמרא** (ברכות מ: המובא לעיל) **מייתי למשנה זו אפלוגתא דרב ורבי יוחנן בכל ברכה שאין בה שם ומלכות.** ○ **אלא הנכון דרש״י ׳נוסח הברכה׳ קאמר. וכן הוא** בהדיא בפירוש רש״י בפרק כיצד מברכין דף מ׳ וז״ל, ומלברכך ׳ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש תרומה ומעשר׳, עכ״ל. **ואף על גב דמדרבנן היא, אסמכוה אקרא,** דמי גריעא ברכה לאסמוכה אקרא, משאר דברים דמדרבנן שהסמיכום על המקראות.

[י] **בס״ג כי תבוא תשכ״ו.** וז״ל רבינו שם: טוט אויף דער **תוספות יום טוב**, דעס וואָס זיי זענען זיך מַתְמִיהַּ אַז ס׳איז דְּרַבָּנָן [וממילא] ווי קען איך זאָגן [דעלה קאי הפסוק וְלֹא שָׁכַחְתִּי], זאָגט ער **ס׳איז אַסְמַכְתָּא**, [שהרי] **פאַרוואָס** איז עס אַנדערשט ווי אַסאַך זאַכן [וואָס] מ׳טרעפט אין די גמרא [שאמרו] ס׳איז נאָר מִדְּרַבָּנָן און [קרא] **אַסְמַכְתָּא בְּעַלְמָא** [היא]. **אַזוי זאָגט דער תוספות יום טוב אין מסכת מעשר שני.** ○ [אמנם] **לעולם** [דער] **דעת המזרחי מיטן גור אריה** [שלא רצו לפרש דהוא אסמכתא], זעט דאָך אויס [אַז דאָס] איז געבויעט, [ווייל] **אַסְמַכְתָּא** קען איך זאָגן [רק] אַז ס׳איז נישטאָ קיין יִתּוּר אין פסוק, און מ׳האָט עס מַסְמִיךְ געווען [על לשון הפסוק הנאמר בלאו הכי לענין אחר], ס׳איז נישט קיין מִיעוּט [מיותר, און] ס׳פעלט נישט אויס [לדרשה זו], ס׳איז נישט קיין הֶכְרֵח [לפרשו כן, ובכהאי גוונא אמרינן דלעולם דרבנן היא אלא דאסמכינהו אקרא]. **אָבער דאָ איז דאָך אַ יִתּוּר** [לגמרי, דאם לא כן] **וואָס איז דער וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, ס׳ברויך דאָך פְּשַט, **ס׳איז דאָך איבעריג לֹא עָבַרְתִּי וְלֹא שָׁכַחְתִּי**, [שהרי] ער רעכנט דאָך אַלדינגס אויס וואָס ס׳איז שייך ביי תרומות ומעשרות, ווערט נזכר אין דעם פסוק, [ונמצא] ס׳איז נישטאָ קיין אנדערער לִימּוּד און מְכֻוָּן אין דעם **וְלֹא שָׁכָחְתִּי נאָר אויף דער ברכה. נו אַז איך וועל זאָגן ס׳איז אַסְמַכְתָּא, איז דאָך ׳איבעריג׳ דער וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, אַז ס׳איז נישט קיין לִמּוּד גָּמוּר. זעט דאָך אויס אַז ס׳איז דאָ אַ יִתּוּר, **איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אַסְמַכְתָּא**, מוז איך זאָגן אַז ס׳איז עפעס אַ דְּאוֹרַיְיתָא, [שהרי] ווען ס׳העט געווען דְּרַבָּנָן קען דאָך עס נישט שטיין אין פסוק. מַסְמִיךְ זיין [לדרבנן] קען מען, **אָבער שטיין** [להדיא] **קען עס נישט**, און אַז ס׳איז אַן איבעריגס קען איך דאָך נישט זאָגן [שבא רק בשביל אסמכתא]. פון דעם זעט דאָך אויס אַזוי ווי זיי זאָגן, דער מזרחי [וגור אריה]. נאָר די קַשְׁיָא וואָס מ׳פרעגט [דהא קיימא לן דברכות דרבנן] **ברויך מען פאַרענטפערן.**

KolSatmar.com

מח

**קושיא כד**

גם עיקר הדרשה צריך ביאור, דהאיך נשמע ענין הברכה דייקא, מהלשון וְלֹא שָׁכָחְתִּי

**כד) דערנאָך ברויך מען פאַרשטיין, וואו קומט דאָס אין דעם** [לשון] **וְלֹא שָׁכָחְתִּי,** [והרי סתמיות אומרו] **לֹא שָׁכָחְתִּי קען דאָך טייטש זיין אַלעס,** [דאָס] **האָט עפּעס אַ שיעור** [מה ששייך לאדם לשכוח? והרי אם יש בו] **שִׁכְחָה,** [אַז] **מ'קאָן פאַרגעסן, קאָן מען טון אַסאַך זאַכן** [שלא כהוגן], **מ'קאָן אַסאַך זאַכן עובר זיין ביי מִצְוַת מַעֲשֵׂר דורך שִׁכְחָה.** [ואם כן צריך ביאור] **וויאַזוי איז דאָס געדרינגען** [פון] **'וְלֹא שָׁכָחְתִּי' אַז דאָס מיינט די בְּרָכָה,** [והרי לשון זה] **קען מען דאָך מיינען אַלעס.**

[ובשלמא וואָס] **מ'זאָגט דאָך לֹא אָכַלְתִּי בְאֹנִי,** [וכן] **וְלֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ,** [שדרשו] **איך האָב נישט מְעָרֵב געווען ממין על שאינו מינו,** [בזה מובן שייכות הענין ללשון הפסוק]. **אָבער** [דאָ] **ס'האָט דאָך קיין שום שייכות אין דעם וְלֹא שָׁכָחְתִּי אַז ס'זאָל גראָד אַרויפגיין אויף אַ בְּרָכָה.**

נט

# הקדמה לישוב הקושיות בפרשת בִּכּוּרִים

**נאָר לאָמיר צוקומען צום ענין, צום גאַנצן ענין.**

סז

בשעת הבאת ביכורים אמרה תורה ליתן שבח והודאה לה' על נתינת הארץ בכללה, ולזה תקנו שתהיה בשמחה גדולה

[דהנה] **אויף אַלענפאַלס דאָס זעט מען דאָך** [אַז] **ביי בִּכּוּרִים איז געווען אַ גרויסע שִׂמְחָה, מ'האָט געגעבן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה פאַר השם יתברך,** [און] **אויפן נְתִינַת הָאָרֶץ בפרטיות, מער ווי אויף אַלעמען** [יותר מבשאר מצות].

**אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט**[יא] [פון] **די משנה** [דמסכת ביכורים (ג, ב-ד)].

סח

והענין כמבואר ברמב"ם ואברבנאל, דטעם מצות ביכורים, לתת ראשית הפירות לה', הוא כדי להורות בזה הכנעה לה', ולהראות בפרסום שהכל הוא מה', ולא בכוחנו ועוצם ידינו הגיע לידינו הארץ ופירותיה

**זאָגן זיי דאָך אַלע.**

**דער רמב"ם**[יב] **זאָגט אויך די זעלבע,** [און] **דער כלי יקר**[יג] **ברענגט עס.**

---

[יא] **בקושיא ט** (הנדפס בחלק א' של הקונטרס).

[יב] **בספר המורה ח"ג** (פרק לט)**: אבל נטע רבעי וכו', הוא נוהג מנהג התרומה והחלה והביכורים וראשית הגז, שהוא ליתן ראשית כל דבר לאלוק, לחזק מדת הנדיבות, ולמעט תאות המאכל וקנות הממון וכו'. אבל מקרא ביכורים יש בו מדת ענוה גם כן, שהוא לוקח סל על כתפיו ומודיע חסדי ה' וגמולותיו, להודיע לבני אדם, שמעבודת ה' הוא שיזכור עיתות צרתו ועניני מצוקותיו כשירחיב לו ה'. ○ וזאת הכוונה חיזקה אותה התורה במקומות רבים, וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ וגו', מפני שֶׁפָּחַד מן המידות המפורסמות לכל מי שגדל בעושר ובנחת, רצ"ל הבעיטה והגאוה, ועזיבת הדעות האמיתיות, פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וגו'** (עקב י, יב)**, ואמר** (האזינו לב, טו) **וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט וגו'. ○ ומפני זאת היראה צוה במקרא ביכורים בכל שנה לפניו יתעלה, ולפני** [מקום] **שכינתו. וכבר ידעת ג"כ חיזוק התורה לזכור המכות שחלו על המצריים תמיד, לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ וגו'** (ראה טז, ג)**, ואמר** (בא י, ב) **וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי וגו'. ובדין היה לעשות כן בזה הענין, מפני שהם ענינים שמאמתים הנבואה והגמול והעונש, אם כן כל מצוה שמביאה לזכרון דבר מן הנפלאות, או להתמיד האמונה ההיא, כבר נודע תועלתה.**

[יג] **בכלי יקר** (כו, א)**: וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ וגו'. לא מצינו לשון וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ, כי אם כאן ובפרשת המלך, לפי שאחר ישיבה וירושה ישמן ישראל ויבעט, וישאלו להם עניני שררות ככל הגוים, כך בפרשת ביכורים היתה הכוונה להכניע רום לבבם, אשר אחר ירושה וישיבה ישיאם לבם לומר כי להם הארץ ובחרבם ירשוה, וישכחו את ה'. זה שאמר הכתוב וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה, כי באמת לא בתורת ירושה אתה בא אל הארץ, כי בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת** (משלי יט, יד)**, אבל מֵה' הארץ נתונה לך במתנה על מנת להחזיר אליו גמולו ולשמור כל מצותיו, ולבבך לא כן ידמה אלא וִירִשְׁתָּהּ, שתחזיק בה כיורש, כאילו היא ירושה לך מאבותיך, וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ כתושב, לא כמו שנאמר** (בהר כה, כג) **וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת כִּי לִי הָאָרֶץ כִּי גֵרִים**

KolSatmar.com

[און] **דער אברבנאל**[יד]**, אַלעַ**[טו] [מפרשים קדמונים].

[אַז] **די בִּיכּוּרִים זענען אַ הוֹדָאָה** [לַה'], **אַז מ'זאָל נישט זאָגן** [כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי], **מ'זאָל זיך נישט 'פאַרגעסן', מ'זאָל נישט זאָגן כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי** [עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, ושלא להיות בכלל מה שנאמר] **וְרָם לְבָבֶךָ 'וְשָׁכַחְתָּ' אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ**[טז], [נאָר] **מ'זאָל געדענקען** ['וְזָכַרְתָּ' אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל].

---

וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם וגו'. וכל זה יביאך לידי רום [לֵב] שתשכח את ה', על כן אנכי מְצַוְּךָ מצות הביכורים. וכן פירש הרמב"ם (הובא לעיל) שעיקר טעם מצוה זו, ההכנעה וההשתעבדות אל השי"ת. וְהָעֵד על זה מה שכתוב הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ, הִגַּדְתִּי לשון עבר, והלא עדיין לא הגיד כלום, אלא שרצה לומר שבהליכה והבאה זו כבר דומה כאילו הגדתי דרך וידוי כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ וגו', רצה לומר לא בתורת ירושה, כי אם באופן זה שֶׁנִּשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ, ומעיד אני על עצמי בהבאת הביכורים כי מאת ה' היתה הארץ לי למנה ומתנה וכו'.

[יד] **בפי' האברבנאל** עה"ת (ריש פרשתן, בתחלת התירוצים): **וטעם המצוה הזאת וענינה היא, שעיקר קבלת האלקות אשר הוא יסוד השלמיות כולם, הוא שנאמין כי לה' הארץ ומלואה, ושהוא אדוננו ואין עוד אחר, ושהוא המשגיח עליה ומשפיע כל טובותיה. ושלא יחשוב אדם שהארץ היא שלו, ושכוחי ועוצם ידו עשה לו את כל חילו, כי זה פריקת עול ומורא שמים מעליו, לכן צוה השי"ת שבכל שנה נעשה מעשה שיפרסם בו האמונות האמתיות, ויודה בהם בקול רם בפיו ובשפתיו, כדי שישים את לבו בהם באמונה קיימת.** ○ ולזה אמר וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, רצ"ל אחרי שתקבל מהשי"ת כְּלַל הטובות, בהביאך אל הארץ אשר לא קנית, בתתו אותה אליך מתנת חנם, ואחרי נצחון האויב והישיבה והחילוק בהשקט ובבטחה איש תחת גפנו ותחת תאנתו, הנה אָז לפי שריבוי הטובה לא יביאך באורך הזמנים לשתשכח חסדי השי"ת הנותן לך כח לעשות חיל, אנכי מצוך שתקח מפרי האדמה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ, אינני מבקש מאתך שתעבור ארחות יַמִּים לבקש פרי עץ הדר אשר תביא לפניו, ודברים זרים להביא מנחה לה', אבל שמפרי האדמה ההיא אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ, רוצה לומר מאותה שאתה סבור שהיא מארצך, ואינו כן, כי ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ ממה שתביא אל תוך ביתך לֶאֱכֹל לְשָׂבְעָה, וְלִמְכַסֶּה עָתִיק (ישעי' כג, יח), מאותו פרי עצמו תביא לפניו, כיון שהוא נתנו לך. ○ והסתכל אומרו ב' פעמים אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ, כי הנה העיר בזה על ב' סיבות שהיו בהבאת הבכורים, לפי שמדרך עובדי האדמה כשעובדין בארץ לא להם שיעשו חלוקות בתבואות השדה, חלק לבעל השדה, וחלק לבעל התבואה, מפאת הזרע [של בעל השדה] ומפאת עמלו [של בעל עבודת התבואה], וכמו שאמר יוסף למצרים (ויגש מז, כג-כד) הֵן קָנִיתִי אֶתְכֶם הַיּוֹם וְאֶת אַדְמַתְכֶם לְפַרְעֹה, וְהָיָה בַּתְּבוּאֹת וּנְתַתֶּם חֲמִישִׁית לְפַרְעֹה, וְאַרְבַּע הַיָּדֹת יִהְיֶה לָכֶם לְזֶרַע הַשָּׂדֶה וּלְאָכְלְכֶם וגו'. ואחרי שֶׁלַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ, והוא בעל השדה, והוא הנותן התבואה והפרי גם כן, הנה ראוי היה שתהיה כל התבואה או רובה שלו, כי הוא בעל השדה, והוא נתן זרע לזרוע, ואנחנו עבדיו וצאן מרעיתו הוא עשה ולו אנחנו, ולכן היה ראוי שיטול כֹּל, אבל עם כל זה איננו חפץ כי אם בדבר מועט מהראשון שיבוכר ויהיה לה', ולכן אמר ב' פעמים אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ, אחת כנגד הארץ שהיא שלו, וראוי שתתן לבעל השדה חלקו, והשנית מפאת הפרי עצמו, כי הוא הנותן אותו, ואיך לא יקח חלקו. ○ וזהו אומרו וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אשר נתן לך ה' אלקיך, שהבחינה [נדצ"ל שהנתינה] תחזור לפרי שזכר, וכאילו אמר תן לו משלו שאתה ושלך שלו (אבות ג, ז), **כי היה ענין הביכורים דרך חק והוראת אֲדָנוּת לבעל השדה ואדון הארץ מדי שנה בשנה, ולהורות גם כן שהפרי הזה נתנו השי"ת בהשגחתו בארץ, ולא מפאת הארץ ומפאת הפרי יבואו הביכורים.** ○ ובאומרו מֵרֵאשִׁית יורה על הכמות שיהיה מועט, ועל האיכות שיהיה מהמובחר וראשית הפרי ההוא, ויורה ג"כ על הזמן שיהיה מהקודם בביכור. **ולהורות על ההכנעה והעבודה לאלקותו ית' בחר בראשיות הדברים**, ראשית דגן ותירוש ויצהר, ראשית עריסה, ראשית פטר רחם באדם ובבהמה, ראשית בכורי האדמה.

[טו] **ומהם בספר החינוך** (מצוה צא) שכתב במצות 'הבאת' ביכורים: משרשי המצוה, **כדי להעלות דבר ה' יתברך על ראש שמחתינו, ונזכור ונדע כי מאתו ברוך הוא יגיעו לנו כל הברכות בעולם, על כן נצטוינו להביא למשרתי ביתו ראשית הפרי המתבשל באילנותיו. ומתוך הזכירה וקבלת מלכותו והודאתינו לפניו**, כי הפירות וְיֶתֶר כל הטובה מאתו יבואו, נהיה ראויין לברכה ויתברכו פירותינו.

ועוד שם (מצוה תרו) במצות 'קריאת' ביכורים כתב: משרשי המצוה, **לפי שהאדם מעורר מחשבותיו ומצייר בלבבו האמת בכח דברי פיו**, על כן בהיטיב אליו ה' ברוך הוא ובברכו אותו ואת אדמתו לעשות פירות, וזכה להביאם לבית אלקינו, **ראוי לו לעורר לבבו בדברי פיהו ולחשוב כי הכל הגיע אליו מאת אדון העולם, ויספר חסדיו יתברך עלינו ועל כל עם ישראל דרך כלל.** ועל כן מתחיל בענין יעקב אבינו שחלצו הָקֵל מיד לבן, וענין עבודת המצריים בנו, והצילנו הוא ברוך הוא מידם, ואחר השבח מבקש מלפניו להתמיד הברכה עליו. **ומתוך התעוררות נפשו בשבח ה' ובטובו**, זוכה ומתברכת ארצו, ועל כן ציונו ברוך הוא על זה, כי חפץ חסד הוא.

[טז] **בפרשת עקב** (ח, יב-יח): פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ, וּבָתִּים טֹבִים תִּבְנֶה וְיָשָׁבְתָּ. וּבְקָרְךָ וְצֹאנְךָ יִרְבְּיֻן, וְכֶסֶף וְזָהָב יִרְבֶּה לָּךְ, וְכֹל אֲשֶׁר לְךָ יִרְבֶּה. **וְרָם לְבָבֶךָ, וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** הַמּוֹצִיאֲךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו'. הַמּוֹלִיכְךָ בַּמִּדְבָּר הַגָּדֹל וְהַנּוֹרָא וגו' הַמּוֹצִיא לְךָ מַיִם מִצּוּר הַחַלָּמִישׁ. הַמַּאֲכִלְךָ מָן בַּמִּדְבָּר וגו'. **וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה. וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל**, לְמַעַן הָקִים אֶת בְּרִיתוֹ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ כַּיּוֹם הַזֶּה.

KolSatmar.com

ווארן טאָמער קלערט מען אַז מ'האָט [די] נְתִינַת הָאָרֶץ זיך גענומען אַליין, - דאָס איז [נוגע] דער כְּלָלִיּוּת פון [שְׁמִירַת] כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ[יז], - קאָן מען דאָרט טון חָלִילָה וואָס מ'וויל.

סט

[וביכורים הם על שם] **די גרויסע הַכְנָעָה** [וואָס] מ'דאַרף צו ווייזן, אַזוי ווי דער **רמב"ם** זאָגט, אַז מ'זאָל ווייזן אַז מ'טאָר נישט צורירן צום קיין שום זאַך [מבלי שיכיר טובה ויודה לה' שהכל בא אליו ממנו].

איבערדעם ברענגט מען דאָס ערשטע פאַרן באַשעפער, מ'זאָל וויסן אַז מ'איז נישט קיין בעל הבית, [נאָר] דאָס האָט נאָר דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געגעבן.

**דאָס איז די בחינה פון מִצְוַת בִּיכּוּרִים, אַ הוֹדָאָה** [לה'] **אויפן נְתִינַת הָאָרֶץ** [בכללה].

ע

דער **אברבנאל** זאָגט דאָך[יח] [אַז] איבערדעם ברויך מען צו זאָגן [בקול רם] דעם וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ, די גאַנצע פרשה, [וכן] **הִגַּדְתִּי הַיּוֹם** [דאַרף מען זאָגן] **בפרסום** [ובקול רם], כדי ס'זאָל 'אַריינגעבאַקן' ווערן [בלב] **דורך הֲרָמַת קוֹל**[יח], אַז מ'זאָל וויסן אַז נְתִינַת הָאָרֶץ איז פון השם יתברך, מ'איז נישט [אַליינס] קיין בַּעֲלֵי־בָתִּים.

צב

# ישוב הקושיות בפרשת וִידּוּי מַעֲשֵׂר

הקדמה לישוב קושיא כב כג - (עד אחר אות קכח)

## בביאור ענין ברכת הנהנין, אם הם מדאורייתא או מדרבנן

נאָר היצט וועל מיר שמועסן דאָס ענין בְּיֶתֶר בִּיאוּר.

וועל מיר צוקומען קודם צו דעם וְלֹא שָׁכָחְתִּי מלברכך.

איך האָב שוין **פאַריאָר** געזאָגט[יט] אַן אַנדערע בחינה, [ועתה אבאר] וואָס ס'דאַכט זיך מיר היצטערט [אין] דאָס עִנְיָן.

[דלפי פשוטו יוקשה כדלעיל, שהרי חיוב אמירת] **בְּרָכוֹת** איז דאָך [נאָר אַ] **דרבנן**, נו וואָס עפּעס [דרשינן כאן הפסוק על כך, והלא] די גאַנצע [ענין פון] בְּרָכוֹת זענען דרבנן, נו וואו קאָן מען מיינען דאָס דער פָּסוּק, ס'איז [דאָך] דאָ דערויף אַן איבעריגער פָּסוּק וְלֹא שָׁכָחְתִּי, אויף דער בְּרָכָה.

צג

בגמרא ברכות שקיל וטרי להביא מקור על חיוב ברכת הנהנין, ומסיק שאין לימוד מהפסוק, אלא סברא הוא דאסור לאדם ליהנות מהעולם הזה בלא ברכה

קלער איך אַזוי.

[דהנה] **די גמרא** פירט דאָך אויס [במסקנא], פאָרנט[כ] אין [פרק] **כיצד מברכין**[כא], אַז ס'איז נישטאָ קיין לִימוּד אויף דער בְּרָכָה [שלפני האכילה, נאָר] לאָזט אויס די גמרא סְבָרָא הוּא, [ווייל] **אסור לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא בְּרָכָה**[כב].

---

[יז] ועיין בזה באורך בס"ג **כי תבוא תשי"ד** (לשון קדשו קונטרס רנ"א ח"ב), **ובויואל משה** (א, מד-מה. ב, מג-מד קו), ועוד.

[יח] וכדכתיב (כו, ה) וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ, ופירש רש"י: וְעָנִיתָ. לשון הרמת קול.

[יט] בס"ג כי תבוא תשכ"ו, עיי"ש באורך שמתרץ דאף דלברך 'בפה' הוא רק מדרבנן, אבל לברך 'בלב' כל אחד כפי ערכו, הוי דאורייתא, והוא מעיקרי העבודה.

KolSatmar.com

צד

### קושיית הפני יהושע

והקשה הפני יהושע דהלא סברא הוא דאורייתא, וכמו שהקשו בעלמא בגמרא 'למה לי קרא סברא הוא', ואם כן אמאי נקטו הפוסקים דברכת הנהנין הוא רק מדרבנן

**פרעגט דער פני יהושע**[כג]**, אַז ס'איז אַ סְבָרָא, איז דאָך עס אויך דְאוֹרַיְיתָא.** [און] **מ'זעט דאָך אין די גמרא אַז ס'איז דרבנן** [ברכת הנהנין. והרי] **די גמרא זאָגט אַסאַך מאָל** [דאָס לשון] **למה לי קרא סברא הוא,** [ומוכח כי] **אַז ס'איז אַ סְבָרָא ברויך איך נישט דערויף קיין פָּסוּק, זעט מען דאָך אַז** [דבר הנלמד] **מסברא איז עס אַזוי ווי אַ דְאוֹרַיְיתָא,** [שהרי אַז] **מ'ברויך נישט האָבן קיין פָּסוּק** [על המובן בסברא, אם כן] **איז דאָך עס מדאורייתא. וואָס דען איז עס נאָר מדרבנן** [ברכת הנהנין].

צה

### תירוץ הצל"ח על קושיית הפני יהושע

ובצל"ח מתרץ דמה שהקשו בעלמא בגמרא כן, הוא רק בנוגע לאיזה פרט של מצוה הכתובה בתורה, אבל לחדש מצוה מחודשת מסברא, זה לא אמרינן. והראיה דאם כן למה הוצרכו ליכתב בתורה כל המצות שהם שִׂכְלִיּוֹת

[נאָר] **דער צל"ח זאָגט**[כד] [ליישב קושיית הפנ"י]**, אַז דעס וואָס די גמרא זאָגט למה לי קרא סברא הוא, דאָס איז ביי דיני ממונות,** [וכגון מה שהקשו כן בגמרא על הא דאמרינן] **הפה**

---

[כ] פירוש: בתחלת הפרק.

[כא] **בגמרא ברכות** (לה.): כיצד מברכין על הפירות וכו'. **מנא הני מילי, דתנו רבנן, קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַה'** (קדושים יט, כד) [פירש"י: בנטע רבעי כתיב, ומשמע שני הלולים טעון באכילתו, כשתאכלנו בשנה הרביעית שהוא מותר באכילה], **מלמד שטעונים ברכה לפניהם ולאחריהם,** מכאן אמר רבי עקיבא אסור לאדם שיטעום כלום קודם שיברך. ○ והאי קֹדֶשׁ הִלּוּלִים להכי הוא דאתא, האי מיבעי ליה [הלולים לשון חלולים] חד [מינייהו אתא לאורויי] דאמר רחמנא אחליה והדר אכליה [חד הוציאהו לחולין על ידי פדיון, אם באת לאוכלו חוץ לירושלים] ואידך [ללמדך שלא נאמרה תורת רבעי אלא בכרם, שנאמר קדש הלולים] דבר הטעון שירה [דבר שמהללין בו, וזהו יין] טעון חלול, ושאינו טעון שירה אין טעון חלול וכו'. הניחא למאן דתני נטע רבעי, אלא למאן דתני כרם רבעי וכו' הניחא אי יליף גזרה שוה דתניא רבי אומר נאמר כאן (קדושים שם, כה) לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ, ונאמר להלן (דברים כב, ט) וּתְבוּאַת הַכָּרֶם, מה להלן כרם אף כאן כרם, אייתר ליה חד הלול לברכה, ואי לא יליף גזרה שוה ברכה מנא ליה. ואי נמי יליף גזרה שוה, **אשכחן לאחריו** [כדאשכחן בברכת המזון, דכתיב ואכלת ושבעת וברכת], **לפניו מנין,** הא לא קשיא, **דאתיא בקל וחומר, כשהוא שבע מברך כשהוא רעב לא כל שכן.** ○ אשכחן כרם, שאר מינין מנין, דיליף מכרם מה כרם דבר שנהנה וטעון ברכה אף כל דבר שנהנה טעון ברכה וכו', מה להצד השוה שבהן וכו'. ועוד התינח לאחריו, לפניו מנין. הא לא קשיא, דאתי בקל וחומר, כְּשֶׁהוּא שָׂבֵעַ מְבָרֵךְ, כְּשֶׁהוּא רָעֵב לֹא כָּל שֶׁכֵּן. ולמאן דתני נטע רבעי הא תינח כל דבר נטיעה, דלאו בר נטיעה כגון בשר ביצים ודגים מנא ליה. **אלא סברא הוא, אסור לו לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא ברכה** [דכיון דנהנה צריך להודות למי שבראם].

[כב] או משום דיש קל וחומר מברכת המזון של לאחריו על הברכה שלפניו, דאם כשהוא שבע מברך, כשהוא רעב לא כל שכן. ובענין הקל וחומר עיין בזה בדברי רבינו להלן באות קכג-קכו, וכאן מיירי בענין הסברא דאסור ליהנות בלא ברכה לה'.

[כג] **בפני יהושע** (ברכות שם): בגמרא אלא סברא אסור לו לאדם כו'. **משמע מלשון כל הפוסקים, דלפום הך מסקנא דהכא כל ברכת הנהנין הן מדרבנן,** לבר מברכת המזון לחוד, ולרשב"א ברכת ז' מינין דלאחריו נמי מדאורייתא, אבל בשאר ברכות מודה. **ולענ"ד לכאורה יש לתמוה, דהא בכל הש"ס משמע דמידי דאתיא מסברא הוי מדאורייתא, ואדרבה מקשה הש"ס הא למה לי קרא סברא הוא.** ○ ובאמת מלשון התוספות אין הכרע, דאפשר דמה שכתבו וקרא דנסיב לעיל היינו אסמכתא בעלמא, אפשר דנתכוונו לזה הענין עצמו, דכיון דסברא הוא תו לא איצטריך קרא. ○ מיהו נראה לענ"ד **דאפילו אם תמצי לומר דסברא זו הוי נמי מדאורייתא, אפ"ה אתי שפיר הא דקיי"ל דספק ברכות להקל,** משום דלא שייך להחמיר, דכיון דאסור לברך ברכה שאינה צריכה, משום הכי ממילא אזלה לה הך סברא. ומהאי טעמא גופא נמי אתי שפיר דבעל קרי על המזון אינו מברך לפניו, דכיון דלא מחייב אלא מסברא, והוא מונע עצמו משום כבוד השם, אינו שייך הך סברא. ועוד דעל המזון מברך מיהו לאחריו, אם כן אינו נהנה מן העולם הזה בלא ברכה, כן נראה לי, ועדיין צריך עיון. ועיין בקונטרס אחרון. [ועיין גם לעיל שם בפני יהושע (דף יב. ד"ה בתוספות בד"ה לא)].

[כד] **בצל"ח** (שם): ומה שכתב הגאון בעל **פני יהושע דכיון דמסיק דסברא הוא, ממילא הוא מן התורה,** דהרי אשכחן שאמרו הא **למה לי קרא סברא הוא,** שמע מינה שסברא מועיל כמו קרא. **ואומר אני שזה שייך רק בדין מן הדינים,** כמו בכתובות (כב.) מנין שהפה שאסר הוא הפה שהתיר, ובבבא קמא (מו:) **מנין להמוציא מחבירו**

KolSatmar.com

**שאסר הוא הפה שהתיר**[כה], [אַז] **מ'איז באַגלייבט,** [או על הא דאמרינן] **המוציא מחבירו עליו הראיה**[כו], **אַקעגן דעם זאָגט די גמרא** [כי] **אַז ס'איז אַ סְבָרָא דאַרף מען אויף דעם נישט קיין פָּסוּק.**

**אָבער** [אויף] **מְחַדֵּשׁ צו זיין אַ מִצְוָה חֲדָשָׁה מיט אַ סְבָרָא, דאָס איז נישט פאַרהאַנדן** [ואפילו בדיני ממונות, וכל שכן באיסורים ומצות שבין אדם למקום].

**וואָרן ווען איך זאָל אַזוי זאָגן, אִם כֵּן** [יוקשה] **ס'איז דאָ אַסאַך מִשְׁפָּטִים**[כז] [הכתובים בתורה, און] **ס'איז דאָ אַסאַך זאַכן וואָס דער שֵׂכֶל איז עס מְחַיֵּב, אין די דִּינֵי הַתּוֹרָה איז דאָך דאָ אַסאַך מאָל אַזעלעכע מִשְׁפָּטִים צַדִּיקִים**[כח] **- ריכטיגע זאַכן**[כט] **- וואָס דער שֵׂכֶל איז עס** [אויך] **מְחַיֵּב. נו ווער עסטו פרעגן אַ קַשְׁיָא פאַרוואָס דאַרף עס שטיין אין פסוק, למה לי קרא סברא הוא.**

**אֶלָּא מַאי מוז זיין, מִכֹּחַ סְבָרָא אַליין קאָן מען נאָכנישט 'מאַכן' קיין מִצְוָה מְחוּדֶּשֶׁת.** [נאָר] **דאָס איז צוויי זאַכן. ס'איז טאַקע אַ סְבָרָא, אָבער דעס איז נאָכנישט קיין רַאְיָה** [שהוא חיוב מדאורייתא]. **אַזוי זאָגט דער צל"ח.**

צו

**הקדמה לישוב קושיית הפני יהושע - לדרכינו**

**ודברי הצל"ח נכונים, אבל ראוי ליתן עוד הסבר בזה, אמאי בברכת הנהנין לא אמרינן דהוה מדאורייתא, מפאת הסברא**

**נאָר איך האָב גערעכנט** [דעם] **הֶסְבֵּר הָעִנְיָן 'דאָך',** [והלא סוף סוף] **די גמרא זאָגט**

---

**עליו הראיה וכו', שבאלו המקומות מקשה הגמרא קרא למה לי סברא הוא. אבל לומר על דבר שהוא מסברא, שהוא חשוב מצוה דאורייתא, זה לא שמענו. ואם הדבר כן, לחנם נכתבו כל המצות שהם שִׂכְלִיּוֹת. ועוד שסברא** זו שאסור ליהנות מעוה"ז בלא ברכה, סברא זו שייכא בכל באי עולם, וא"כ יהיה ברכת הנהנין חובה גם על בני נח, אתמהה. **אלא ודאי הכוונה הוא, שכיון שהוא סברא, לכך תקנו חכמים ברכות הנהנין.** ○ **וזהו בכל שאר** ברכות הפירות, אבל על הפת יש מקום לדון אם זהו הקל וחומר [כשהוא שבע מברך וכו'] הוא ק"ו גמור ויהיה חייב מן התורה, או לא, ונחזי אנן לאיזה צד נוטין דברי הגמרא וכו'. ומעתה שטחיות הסוגיא כך הוא, **שמתחלה** לא ידע משום סברא ולא משום קרא המורה על איזה ברכה חוץ ברכת המזון, ולכן **שאל מנא הני מילי,** דכיון שהתנא מתחיל לשאול על אופן נוסח הברכה, מכלל שגוף חיוב הברכה כבר נאמר בתורה, והשיב לו המתרץ מהילולים, ושאל **אשכחן לאחריו** וכו', והשיב דקל וחומר הוא, ואין רצונו לומר שק"ו גמור של תורה הוא, אלא כעין ק"ו, ושוב שייך עכ"פ לשון **כיצד מברכין** וכו'. ○ ודעת הפוסקים מבואר בדבריהם באר היטב שאין בכל ברכת הנהנין שהיא מן התורה, חוץ מברכת המזון וכו'.

[כה] **בגמרא כתובות** (כב.): **אמר רב אסי, מנין להפה שאסר הוא הפה שהתיר מן התורה, שנאמר** (תצא כב, טז) **אֶת בִּתִּי נָתַתִּי לָאִישׁ הַזֶּה לְאִשָּׁה, לָאִישׁ אסרה, הַזֶּה התירה** [פירש"י: נָתַתִּי לָאִישׁ, אסרה לכל העולם, דלא ידעינן למאן, וכי אמר הַזֶּה, התירה לון]. **למה לי קרא סברא היא, הוא אסרה והוא שרי לה. אלא כי איצטריך קרא, לכדרב הונא אמר רב** וכו' מנין לאב שנאמן לאסור את בתו מן התורה [כשהיא קטנה או נערה, שבידו לקדשה כדאמרינן בפרק נערה שנתפתתה (כתובות מו:), מנין שאם אמר קדשתיה לפלוני שהוא נאמן לאוסרה על הכל], **שנאמר אֶת בִּתִּי נָתַתִּי לָאִישׁ** [אלמא בדידיה תליא נתינה, והימניה קרא למימר הכי]. **הַזֶּה למה לי** [כיון דלאו להפה שאסר מיבעי ליה], **מיבעי ליה לכדתני ר' יונה וכו', הַזֶּה ולא ליבם** [אם הוציא שם רע על נישואי אחיו, שאין היבם נידון כמוציא שם רע ליענש במאה כסף].

[כו] **בגמרא בבא קמא** (מו:): **אמר רבי שמואל בר נחמני, מניין להמוציא מחבירו עליו הראיה, שנאמר** (משפטים כד, יד) **מִי בַעַל דְּבָרִים** [פירש"י: תובע] **יִגַּשׁ אֲלֵיהֶם, יגיש רַאְיָה אליהם. מתקיף לה רב אשי, הא למה לי קרא סברא הוא, דכאיב ליה כאיבא אזיל לבי אסיא. אלא קרא לכדרב נחמן אמר רבה בר אבוה וכו' מניין שאין נזקקין אלא לתובע תחלה** [כגון ראובן תובע משמעון מנה שהלוהו, ושמעון משיבו תפסת משלי, החזר לי מה שתפסת. או משכון היה בידך ונפחת מדמיו, שנשתמשת בו. בתחילה נזקקין לטענת ראובן, ומוציאים לו המנה משמעון, ואחר כך נזקקין לו לטענת שמעון, לדון על דבר התפיסה והמשכון], **שנאמר מִי בַעַל דְּבָרִים יִגַּשׁ אֲלֵיהֶם, יגיש דבריו אליהם.**

[כז] **דזהו פירוש לשון מִשְׁפָּטִים שבכמה פסוקי התורה, דהם דברים שהשכל מחייבן. ולאפוקי מלשון 'חקים' שאין בהם טעם מצד השכל.**

[כח] **כלשון הפסוק בפרשת ואתחנן** (ד, ח) **וּמִי גּוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים צַדִּיקִים כְּכֹל הַתּוֹרָה הַזֹּאת.**

[כט] **כפירוש רש"י שם: חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים צַדִּיקִים. הגונים ומקובלים.** [וראה כעין זה ברש"י משפטים (כג, ח) עה"פ ויסלף דברי 'צדיקים', דברים המצודקים, משפטי אמת. וכן תרגומו פִּתְגָּמִין תְּרִיצִין, ישרים].

KolSatmar.com

**למה לי קרא סברא הוא, נו טאַקע פאַרוואָס** [לא נימא דברכות הם מדאורייתא. והגם] **דאָס איז אַמאָל אֱמֶת וְיַצִּיב** [אַז] **מיט אַ סְבָרָא קען מען נישט 'מאַכן' קיין מִצְוֹת, ער איז זייער געגרעכט דער צל"ח**[ל] [בהך כללא דלא אמרינן מצוה חדשה מסברא], **אָבער אַ הֶסְבֵּר ברויך עס עפּעס הָאָבן**[לא] [למה לא נימא דסגי לעשות מצוה דאורייתא מפאת הסברא, וכמו שאמרו למה לי קרא סברא הוא. ובפרט בנידון דידן, דהלא סוף סוף מצינו דברכת המזון הוא מן התורה, ואם כן אין זה מצוה מחודשת ממש][לב].

צז

והנראה לומר בזה על פי דרך החובת הלבבות שמבאר דיש ב' אופנים המעוררים לעבודת ה', הערת התורה שמחייב את האדם, והערת השכל מצד הכרת הטוב והשעבוד לה' על כל הטובות שעושה עמו. ויש צורך בשניהם, ובאמת מגיעים ליותר שלימות על ידי העבודה שמצד הערת השכל, אבל יש הכרח גם בהערת התורה מכמה טעמים. גם חילק שבהערת התורה יש קצבה של תרי"ג מצות השייך לנהוג בכל אדם, אבל בהערת השכל אין שיעור, ותלוי לפי האדם והמצב, ולכן לא נכתבה

**קלער איך אַזוי.**

[דהנה] **דער חובת הלבבות אין שער עבודת אלקים איז מַאֲרִיךְ, - כמעט דער גאַנצער שַׁעַר שמועסט פון דעם פְּרַט, - ער איז מַסְבִּיר**[לג] [אַז] **אין עֲבְדוּת הַשֵּׁם ברויך הוא איז פאַרהאַנדן צוויי בְּחִינוֹת, צוויי זאַכן** [המעוררים לב האדם לעבודתו יתברך], **הֶעָרַת הַתּוֹרָה, און הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל.**

**הֶעָרַת הַתּוֹרָה איז דעס וואָס שטייט אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה,** [די] **תרי"ג מצות, עשין מיט לא תעשין.**

[אָבער] **עקסטערדעם איז דער שֵׂכֶל מְחַיֵּב** [לעבוד את ה', און] **דאָס האָט קיין שִׁיעוּר נישט, - הֶעָרַת הַתּוֹרָה איז דאָ** [א שיעור פון] **תרי"ג מצות,** [אבל בהערת השכל מה שהאדם מוסיף בעבודה מתוך אהבה והכרת הטוב להשי"ת, זהו דבר שאין לו קצבה][לד], - [כי עליו לעבוד מיט סיין] **וואָס אַ מענטש קען טון פאַר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, בקביעות.**

---

[ל] ועיין **בויואל משה** (ג, יב. ד"ה ויותר) שהביא רבינו קושיית הפני יהושע למה אמרו דברכות דרבנן והלא סברא הוא דאורייתא, ומה שתירץ הצל"ח בזה דבמצוה מחודשת לא אמרינן כן. ועל זה מוסיף רבינו וז"ל: **ולכאורה יש להביא ראיה לדברי הצל"ח, מדברי התוספות פסחים** (סח: ד"ה הכל) גבי הא שאמרו הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, שהקשו דאם כן מאי קאמר רבי אליעזר מה ראיה רשות למצוה, דנימא עצרת תוכיח שהיא מצוה, ויש לומר דהא דבעי ר"א בעצרת לכם **לאו דוקא מקרא, אלא מסברא. והרי דמה שהוא סברא ואין לו קרא, אין דינו כנכתב בקראי, ולא אמרינן למה לי קרא סברא היא. ונראה לכאורה שהוא מטעם שכתב הצל"ח, דלעשות חיוב 'מצוה' דאורייתא, אי אפשר מסברא.**

[לא] ועיין **בויואל משה** (שם, ד"ה ומה שכתב עוד הצל"ח, וד"ה ומה שאמרו) מה שדחה רבינו ראיית הצל"ח ממה שנכתבו בתורה כמה מצות שכליות. ומה שמחלק שם כעין חילוק הצל"ח, רק מטעם אחר, דלעולם גם מצוה מחודשת שייך לחייב מדאורייתא מצד הסברא, אלא דמ"מ לא שייך להקשות בזה למה לי קרא סברא הוא, משום דחילוק גדול יש בין חשיבות מצוה הנכתבה בתורה, לחשיבות מצוה שהוא רק מסברא, וכמו שהאריך רבינו שם, ולכן לא מקשה בגמרא כך אלא בדבר שאינו מצוה מחודשת רק ידיעת הענין והמצב של איזה מצוה שכבר נכתב בתורה, עיי"ש. - וכן עיין שם עוד בדברי רבינו (בד"ה אמנם, וד"ה ומה שברכת) מה שמתרץ עוד על עיקר קושיית הפני יהושע, למה ברכת הנהנין הוא רק מדרבנן, אף שאמרו בגמ' דסברא הוא וק"ו הוא, עיין שם באורך.

[לב] כל זה בדרך אפשר, בביאור כוונת רבינו כאן, וילע"ע. והתירוץ על זה ראה להלן באות קו, ובאות קלה.

[לג] **בחובת הלבבות** שם (בפרק א, ועוד).

[לד] וז"ל **החובת הלבבות** שם (פ"ג, במעלות הערת השכל על הערת התורה): **והחמישי, כי מצות התורה יש תכלית למספרן, והן מגיעות עד סך ידוע, והוא תרי"ג מצות. אך מצות השכל כמעט שאין להן תכלית, כי בכל יום יוסיף האדם דעת בהן, וכל אשר תוסיף הכרתו ויבין טובות האלקים ועוצם יכלתו ומלכותו, יוסיף להיכנע לו ולהישפל לפניו. ועל כן אתה רואה דוד ע"ה מתחנן אל האלקים להעיר אותו עליהן ולהסיר מָסָךְ הַסִּכְלוּת מעל עיניו, כמו שאמר** (תהלים קיט, יח) **גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ וכו', ואומר** (שם, צו) **לְכָל תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד, רצה לומר כל מה שאנו חייבין מעבודתך על התמדת טובותיך, אין קץ לו, מפני שאין קץ לאופני טובותיך עלינו.** [והמשך דבריו כאן, מובא להלן בהערה מב. וע"ע שם בשער אהבת ה' (פ"ז), ובשער חשבון הנפש (פ"ג, חשבון כא)].

KolSatmar.com

צח

**ברענגט ער**[לה] [לראיה, שהרי] **מ׳זעט דאָך מ׳איז מְחוּיָב, די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געהייסן פָּטוּר וּמוּתָּר** [אַלץ] **לויטן השְׁתַּעְבְּדוּת פאַר יענעם. אַז יענער האָט דיר געטון אַ טוֹבָה, זאָלסטו נישט זיין קיין כָּפוּי טוֹבָה.**

[ואם כן כל שכן, אַז] **דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט ׳אַלעס׳ געגעבן** [פאַרן מענטש]**, דאָס גאַנצע חַיּוּת, מיט אַלעמען, און כְּסֵדֶר** [הוא ממשיך תמיד בחסדו הגדול]**, נו ווי איז מעגליך אַז מ׳זאָל נישט זיין מְשֻׁעְבָּד** [אליו יתברך מסברא והערת השכל, און] **דאָס האָט קיין שִׁיעוּר נישט, יעדע** [סעקונדע] **כָּל רֶגַע וְרֶגַע איז מען מְחוּיָב**[לו] [לְהִכָּנַע לפניו ולהכיר טובתו, ולעובדו בכל מה שביכולתו].

צט

**זאָגט ער**[לז]**, דאָס איז אַסאַך מער** [מן תרי״ג]**, און ׳דאָס׳ ברענגט דאָס שְׁלֵימוּת. וואָס דער שֵׂכֶל איז מְחַיֵּב דאָס איז נאָך מער שְׁלֵימוּת.**

**נאָר די הֶעָרַת הַתּוֹרָה מוז מען** [אויך] **האָבן, דאָס איז עקסטערע זאַך.**

[און] **דער אֱמֶת ברויך מעןביידע.** [עד כאן תוכן דברי החובת הלבבות].

ק

ובאמת על דרך הסוד יש ענינים נשגבים באלו התרי״ג מצות דייקא,

שהם לעומת שיעור קומת הנשמה והאורות עליונים למעלה בגבהי מרומים

**לעולם איז דאָך דער אֱמֶת - אַזוי ווי די חַכְמֵי אֱמֶת זאָגן**[לח] - [אַז] **די תרי״ג מצות זענען דאָך** [כביכול] **אֵיבָרִין דְּמַלְכָּא, אין דעם שטעקט דאָך עִנְיָנִים גְּבוֹהִים וְרָמִים, יעדע מִצְוָה איז אַ בְּחִינָה** [של אור עליון למעלה]**, דאָס איז** [נגד] **נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם** (משלי כ, כז)**,** [דכן במצוה כתיב (שם ו, כג) **נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר**[לט].

---

[לה] עיין שם באורך **בשער הבחינה, ובההמשך לזה בפתיחה לשער עבודת האלקים, ועוד בכל הספר מיוסדים רוב סדר דבריו על קוטב זה.**

[לו] ועיין בזה בלשון **חובת הלבבות** בשער חשבון הנפש (פרק ה), ובהקדמת הספר (ד״ה וכאשר נתברר לי), ועוד.

[לז] **בשער עבודת האלקים** כל פרק ג, דקחשיב שם ז׳ מעלות בהערת השכל על הערת התורה, וכן ז׳ מעלות בהערת התורה על הארץ השכל. וז״ל שם בתחלת הפרק וז״ל: אך גדר העבודה וביאור חלקיה ומעלות כל חלק מחלקיה הוא, שגדר העבודה כניעת מי שמטיבין לו למטיב בטובה, שיגמלהו על טובתו כפי יכלתו. והכניעה נחחלקת לשני חלקים, האחד כניעת רהות וייחול בהכרח וחזקה, והשני כניעת חובה ודין לגדל לרומם למי שנכנעין לו. אך החלק הראשון הוא הכניעה לָקֵל שתהיה מצד ההערה הקנויה אשר זכרנו, שחיובה מדרך הגמול והעונש בעולם הזה ובעולם הבא. אבל החלק השני, הוא הכניעה אשר תהיה מצד ההערה התקועה בשכל והנוצרת בטבע האדם בהיקשר נפשו עם גופו. ושתי הכניעות משובחות, מביאות אל דרך ההצלה בעולם המנוחה, אלא שאחת מהנה גורמת לחברתה, ומעלה שעולים ממנה אליה, והיא הערת התורה. והכניעה שתהיה מחמת הערות השכל ודרך הראיה, קרובה אל האלקים ורצויה יותר, לשבעה פנים וכו׳. - ולהלן שם באמצע הפרק: אך מעלות התורה וכו׳, ואומר, כי הענינים ׳המצריכים׳ להערת התורה גם כן הם שבעה וכו׳.

[לח] **בתיקוני זוהר** (דף לב:), ועוד. ועיין באורך **בלקוטי אמרים תניא** (אגרת הקודש, פרק כט), ועוד הרבה ספרי קודש.

[לט] כי שיעור קומת המצות הם נגד שיעור קומת הנשמה, ואור השכינה בעולמות העליונים, ומכוונים זה מול זה.

וז״ל **הזוהר הק׳** (ח״ג דף כז:): וּמַאן דְּעָבִיד עֲבֵירָה דִּמְכַבָּה מִצְוָה דְּאִיהִי נֵר, הָכִי מְכַבֶּה נֵר דִּילֵיהּ, דְּאִתְּמַר בָּהּ נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם מִגּוּפֵיהּ, וְהַאי הוּא כִּבּוּי, דְּאִשְׁתָּאַר גּוּפָא בַּחֲשׁוֹכָא. וְהָכִי מַאן דְּסַלִּיק שְׁכִינְתָּא מֵאַתְרָהָא, גָּרִים (נ״א: לכל העולם) כִּבּוּי וַחֲשׁוֹכָא לְהַהוּא אֲתַר, וַחֲשׁוֹכָא אִיהִי עֲבֵירָה וכו׳.

**ובתיקוני זוהר** (דף קכז.): שְׁכִינְתָּא נֵר דְּאִתְאַחֲדַת בְּהוֹן כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר, אוֹר דָּא אוֹרַיְיתָא דִּבִכְתָב, דְּאִיהִי נִשְׁמַת אָדָם דִּנְהִירַת עַל נֵר וכו׳.

ועוד שם (דף קל:): וּבְכָל אֵבֶר וְאֵבֶר (נ״א: דאיהו נֵרָא דכל פקודא) בָּעֵי בַּר נַשׁ לְאַמְלָכָא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וּלְתַקְנָא לֵיהּ אֲתַר דַּכְיָא וּנְקִיָּיא לְשַׁרְיָא לֵיהּ תַּמָּן, וּבְגִין דָּא צָרִיךְ בַּר נַשׁ לְבַעֲרָא מִנֵּיהּ מִכָּל אֵבֶר וְאֵבֶר כָּל מַחֲשָׁבִין וְכָל הִרְהוּרִין בִּישִׁין דְּטִנּוּפִין דְּאִינוּן קְלִיפִּין, וְצָרִיךְ לְאוֹקְדָא לוֹן בְּכָל פִּקּוּדִין כְּשֵׁרִין דְּשַׁרְיָין עַל כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר דְּאִינוּן נֵרוֹת, דְּכָל פִּקּוּדָא נֵר אִתְקְרִיאַת, הֲדָא הוּא דִכְתִיב כִּי נֵר מִצְוָה, נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם, וּבָהּ צָרִיךְ לְמֶהֱוֵיחוֹפֵשׂ

KolSatmar.com

[ואמרו עוד[מ] שזה נרמז בהפסוק (שמות ג, טו) זֶה 'שְׁמִי' לְעֹלָם וְזֶה 'זִכְרִי' לְדֹר דֹּר], שְׁמִי דאָס איז דער שֵׁם הוי"ה ברוך הוא, יו"ד ק"ה, - זֶה שְׁמִי לְעֹלָם, - דאָס איז [עולה] זִכְרִי [עם ו"ק] איז רמ"ח [עשין], און שְׁמִי [עם י"ק] דאָס איז [שס"ה] לא תעשין ..

פון דעם איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן [שהתרי"ג מצות הם עיקרי חיוב העבודה].

נאָר וואָס דען, אָבער [צו] שְׁלֵימוּת [האדם ולקרבת אלקים], ברענגט [די הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל].

קא

אבל מכל מקום צריכין גם להעבודה שבהערת השכל, שהוא דבר שאין לה שיעור, וזהו עיקר מעלות ומדריגות הצדיקים שעלו בזה, ולכן היו גם צדיקים שעשו תשובה בכל יום כשעלו ממדריגה למדריגה

דער אֱמֶת [איז] מ'ברויך האָבן ביידע, [און] איינס אָנעם אַנדערן קען נישט זיין.

דעס וואָס ס'איז הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל, [כאָטש] די תורה הקדושה האָט נישט מְצַוֶּה געווען דערויף, [ווייל] מ'קען עס נישט מאַכן פאַר קיין חִיּוּב [הנוהג בכל אחד][מא].

אָבער ס'איז געווען צַדִּיקִים, וואָס זיי האָבן יעדן טאָג תְּשׁוּבָה געטון, ווייל זיי האָבן 'מער' פאַרשטאַנען וואָס מ'ברויך צו טון פאַרן באַשעפער, [ועשו תשובה] פאַרוואָס זיי האָבן נישט ביז היצט אַזוי געטון[מב], האָבן זיי אויף 'דעם' תְּשׁוּבָה געטון.

דאָס איז [אָבער ביי יעדן אַנדערש] לויטן שֵׂכֶל און לויטן דַּעַת וואָס אַ מענטש פאַרשטייט.

קב

וכעין זה מצינו בדברי הרמב"ן במצות קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, דלשון קדושה הוא פרישה מכל עניני גשמיות, אף של היתר, זולת מן הצורך לקיום הגוף ולעבודת ה'. אלא שהיא מצוה בדרך כלל, ולא אמרה התורה הפרטים בזה, כי אינו דומה גבוליה בכל אדם ובכל זמן, אלא הכל לפי הענין

לעולם כעין זה געפינט מען אין רמב"ן[מג].

---

כָּל חַדְרֵי בָטֶן (משלי שם), וּלְבַעֲרָא מִנַּיְיהוּ שְׂאוֹר וְחָמֵץ מוֹץ וְתֶבֶן וכו'. [ועיין בזה באורך בשערי קדושה (למהרח"ו, ח"ב שער ג), ועוד].

[מ] בזוהר הק' בכמה מקומות, ומהם בפרשת בראשית (דף כד.) וז"ל: וְצָרִיךְ לְסַלְּקָא תּוֹרָה וּמִצְוָה בִּרְחִימוּ וּדְחִילוּ, דְּכָל פִּקּוּדִין דַּעֲשֵׂה וְלֹא תַעֲשֶׂה כֻּלְהוּ תַּלְיָין מִן שֵׁם יקו"ק, כְּמָה דְאוֹקִימְנָא רָזָא דָא, [זֶה] שְׁמִי עִם י"ק [בגימטריא] שס"ה מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה, וְזֶה זִכְרִי עִם ו"ק [בגימטריא] רמ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה, וְהָא הָכָא שס"ה וּרמ"ח.

[מא] ועיין עוד כעין זה במסילת ישרים (פרק יג, ובסוף פרק כו).

[מב] כמבואר בחובת הלבבות שם (פ"ג, ד"ה והחמישי) בהמשך: וכבר נאמר על קצת הפרושים, שהיו כל ימיהם בתשובה, מפני שהיו מחדשים בכל יום תשובה בעבור תוספת הכרתם בגדולת האלקים בכל יום, וקיצורם במה שהם חייבים לו מן העבודה בשעבר. וע"ע בזה באורך בסידורו של שבת (ח"ב דרוש ג, פרק ג) בשם רב סעדיה גאון.

[מג] ברמב"ן ריש קדושים (יט, ב-ג) הביא לשון רש"י, ועל זה כתב: אבל בתורת כהנים (כאן) ראיתי סתם, פְּרוּשִׁים תִּהְיוּ. וכן שנו שם (שמיני יב, ג), וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי (שמיני יא, מד), כשם שאני קָדוֹשׁ כך אתם תהיו קְדוֹשִׁים, כשם שאני פָּרוּשׁ כך אתם תהיו פְּרוּשִׁים. ולפי דעתי אין הפרישות הזו לפרוש מן העריות כדברי הרב, אבל הפרישות היא המוזכרת בכמה מקומות בתלמוד, שבעליה נקראים פְּרוּשִׁים. ○ והענין, כי התורה הזהירה בעריות ובמאכלים האסורים, והתירה הביאה איש באשתו ואכילת הבשר והייןאם כן ימצא בעל התאוה מקום להיות שטוף בזמת אשתו או נשיו הרבות, ולהיות בסובאי יין בזוללי בשר למו, וידבר כרצונו בכל הנבלות, שלא הוזכר איסור זה בתורה, והנה יהיה נָבָל בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה. לפיכך בא הכתוב, אחרי 'שפרט' האיסורים שאסר אותם לגמרי, וצוה בדבר 'כללי', שנהיה פרושים מן המותרות. ימעט וכו' אלא כפי הצריך בקיום המצוה ממנו. ויקדש עצמו מן היין במיעוטו, כמו שקרא הכתוב (נשא ו, ה) הנזיר 'קָדוֹשׁ', ויזכור הרעות הנזכרות ממנו בתורה בנח ובלוט. וכן יפריש עצמו מן הטומאה, אע"פ שלא הוזהרנו ממנה בתורה, כענין שהזכירו (חגיגה יח:) בגדי עם הארץ מדרס לפרושים, וכמו שנקרא הנזיר 'קדוש' (נשא שם, ח) בשמרו מטומאת המת גם כן. וגם ישמור פיו ולשונו מהתגאל בריבוי האכילה הגסה, ומן הדיבור הנמאס, כענין שהזכיר הכתוב (ישעי' ט, טז) וְכָל פֶּה דֹּבֵר נְבָלָה. ויקדש עצמו בזה עד שיגיע לפרישות, כמה שאמרו על רבי חייא שלא שח שיחה בטלה מימיו. ○ באלו ובכיוצא בהן באה המצוה הזאת הכללית, אחרי שפרט כל העבירות שהן אסורות לגמרי, עד שיכנס בכלל זאת הצוואה הנקיות בידיו וגופו, כמו שאמרו (ברכות נג:) וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם (שמיני שם) אלו מים ראשונים, וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים אלו מים אחרונים, כִּי קָדוֹשׁ זה שֶׁמֶן ערב. כי אע"פ שאלו מצות מדבריהם, עיקר הכתוב בכיוצא בזה יזהיר, שנהיה נקיים וטהורים, ופרושים מהמון בני אדם שהם מלכלכים עצמם בְּמוֹתָרוֹת

**ער זאָגט** [אויפן פסוק] **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, ער טייטשט** [אַז] **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ** [מיינט מען מה שאמרו (יבמות כ.)] **קדש עצמך במותר לך.**

**זאָגט ער, די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט** [טאַקע] **געזאָגט וועלעכס איז אָסוּר און וועלעכס איז מוּתָּר,** [אָבער] **אַז מ'זאָל טון אַלעס וואָס ס'איז מוּתָּר ווערט מען אָנגערופן אַ נָבָל בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה, אַלע אכילות און ביאות וכדומה, דאָס אַלעס וואָס ס'איז מוּתָּר, איז מען אַ נָבָל בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה.**

[ולכן] **האָט די תורה געזאָגט נייַן,** [קְדֹשִׁים תִּהְיוּ], **ס'איז דאָ אַ מצות עשה אויף קְדוּשָׁה. אָבער בִּפְּרָטִיּוּת אויף 'דער' זאַך אַליין, אויף די אכילות און אויף דער ביאה, איז נישטאָ קיין אִסּוּר, ס'איז נישט גערעכנט צווישן די עֲשִׂין און צווישן די לֹא תַעֲשִׂין, נאָר בְּדֶרֶךְ כְּלָל** [יש מצוה דקדושים תהיו, כל אחד לפי ערכו]**, ווייל דאָס איז נישט ביי יעדן גלייך, דאָס דאַרף מען פאַרשטיין** [כל אחד לפי מצבו ובחינתו].

קג

**אויסערדעם איז דאָך דאָ טַעֲמִים** [פנימיים ונשגבים] **אויף דעם, אַז אין יעדע מִצְוָה** [יש טעם נשגב][מד] **פאַרוואָס איך נעם עס אַריין אין די עֲשִׂין מיט די לֹא תַעֲשִׂין.**

קד

**אָבער עקסטער, ער זאָגט**[מה] [החובת הלבבות] **אַז דעס וואָס דער שֵׂכֶל איז מְחַיֵּב אַז מ'דאַרף נִכְנָע זיין פאַרן באַשעפער, און צו לויבן און צו זאָגן און צו טון, זאָגט ער דאָס איז אויכעט אַ חִיּוּב דְּאוֹרַיְיתָא, נאָר ס'איז אַ חִיּוּב בְּדֶרֶךְ כְּלָל, נישט בִּפְּרָטִיּוּת.**

[ווייל] **דאָס איז גיוועגדט לויטן דַּעַת, און לויט דער אויפפאַסונג** [של כל אחד ואחד, ואין אדם דומה לחבירו בזה].

---

וּבְכִיעוּרִים. ○ וזה דרך התורה, 'לפרוט ולכלול' בכיוצא בזה. כי אחרי אזהרת 'פרטי הדינין' בכל משא ומתן שבין בני אדם, לא תגנוב, ולא תגזול, ולא תונו, ושאר האזהרות, אמר 'בכלל' (ואתחנן ו, יח) וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב, שיכניס ב'עשה' [פי' במצות עשה] היושר וההשויה, וכל **לפנים משורת הדין** לרצון חבריו, כאשר אפרש (רמב"ן שם) בהגיעי למקומו ברצון הקב"ה. וכן בענין השבת, אסר המלאכות בלאו, והטרחים בעשה 'כללי' שנאמר תִּשְׁבֹּת (תשא לד, כא), ועוד אפרש זה (רמב"ן אמור כג, כד) בע"ה. ○ וטעם הכתוב שאמר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם, לומר שאנחנו נזכה לדבקה בו בהיותנו קדושים.

[מד] או אולי י"ל דהכוונה על הכללים שהשרישו הרמב"ם והרמב"ן בריש ספר המצות, כל אחד לשיטתו, מה נכנס בכלל חשבון מנין תרי"ג ומהו לא נכנס. [ועיין שם בשורש הרביעי שנתן הרמב"ם טעם על מצות קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, שלא נכנס במנין תרי"ג מטעם האמור שהוא רק ציווי בדרך כלל, וכאומר תעשו מצותי, ועיין בהשגות הרמב"ן שם בשם בה"ג שהוא מנה אותה, והיינו שמנה הפסוק וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים, ונגדו טען הרמב"ם שם, והרמב"ן הליץ בעד הבה"ג]. אמנם נראה יותר דלא לזה הוא כוונת רבינו, אלא כמו שביארנו בפנים, ובפרט דמלשון 'אויסערדעם' משמע דלא מיירי מענין הקודם, רק מוסיף עליו ענין אחר.

[מה] **בהקדמת החובת הלבבות** (ד"ה אך חכמת התורה): **והשערים שפתחם הבורא לדעת תורתו ודתו הם שלשה, האחד מהם השכל הניצל מכל פגע, והשני ספר תורתו האמתית הנתונה למשה נביאו, והשלישי הקבלות שקבלנו מקדמונינו שקבלו מן הנביאים עליהם השלום וכו'. אך חכמת התורה מתחלקת לשני חלקים, האחד מהם לדעת חובות האברים, והיא החכמה הנראית, והשני לדעת חובות הלבבות והם המצפונים, והיא החכמה הצפונה. חובות האברים ייחלקו לשני חלקים. האחד מהם מצות שמחייב בהן השכל, אפילו אם לא חייבה בהן התורה, והחלק השני מצות השמע, שאין השכל מחייב בהן ולא דוחה אותן, כאיסור בשר בחלב ולבישת שעטנז וזריעת כלאים, והדומה להן ממה שנעלמה ממנו עילת איסורן ועילת חיוב מה שנתחייבנו מהן. אך חובות הלבבות, כל שרשיהן הן מן השכל, כאשר אבאר בעזרת ה'. וכל המצות הן נחלקות למצות עשה ולמצות לא תעשה, ואין אנו צריכין לבאר את זה במצוות האברים, מפני שהן ידועות וברורות לכל. אבל אני זוכר ממצות עשה וממצות לא תעשה שבחובות הלבבות מה שיזדמן לי, כדי שיהיה דמיון לְמַה שלא אזכור מהן, בעזרת ה'. וממצות עשה שבחובות הלבבות, שנאמין כי יש לעולם בורא בראו מאין, ושאין כמוהו, שנקבל עלינו יחודו, ושנעבדהו בלבנו, ושנתבונן בפלאי יצירותיו כדי שיהיו לנו לאות עליו, ושנבטח בו, ושנכנע מפניו, ושנירא אותו, ונפחד ונבוש מהשקיפו על נגלותינו ונסתרותינו, ושנכסוף לרצונו, ונייחד מעשינו לשמו, ושנאהב אותו ואת אוהביו, כדי להתקרב אליו, ונשנא את שונאיו, והדומה לזה ממה שאינו נראה מן האברים וכו'.**

KolSatmar.com

קה

וברמב״ן וישב מבואר גם כן, דענין הכרת הטוב ושלא להיות כפוי טובה, הוא דבר המובן אף לנשים וגוים, כי השכל מחייבו

איך האָב געזאָגט [לבאר על דרך זה גם ענין חיוב ברכת הנהנין וברכת המצות].

[דהנה] דער רמב״ן זאָגט[מו], [אויף דעם וואָס] יוסף הצדיק האָט געזאָגט (וישב לט, ח-ט) הֵן אֲדֹנִי לֹא יָדַע אִתִּי מַה בַּבָּיִת וגו׳, וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת [וְחָטָאתִי לֵאלֹקִים].

פרעגט ער אַ קַשְׁיָא[מז], וואָס דאַרף ער זאָגן אַן הַקְדָּמָה לֹא יָדַע אִתִּי מַה בַּבָּיִת (שם, ח), זאָל ער זאָגן פָּשׁוּט ס׳איז אַן אִיסוּר, אַן אִיסוּר איז דאָך הייקעלער [לעבור עליו, ובפרט] אַן אֵשֶׁת אִישׁ [שגם בני נח נצטוו בזה].

זאָגט דער רמב״ן, ווייל דעס פאַרשטייט ׳יעדערער׳, [ווייל] דעס איז אַ כְּפוּי טוֹבָה, אַז ער האָט אים ׳גרויס געמאַכט׳. [ולכן] אַז ער האָט איר געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין, [באם] ער וועט איר דערציילן דעם חֹמֶר הָאִסוּר [לא יתקבל אצלה כל כך], אָבער דעס אַז מ׳זאָל נישט זיין קיין כּוֹפֶה טוֹבָה, דאָס האָט ער געוואוסט [אַז] דאָס פאַרשטייט יעדער.

דאָס קער צום הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל [שעיקרו הוא הכניעה והכרת טובה לה׳ וכמבואר באורך בחובת הלבבות], ס׳איז עפּעס כְּעֵין זֶה [שכתב הרמב״ן שהערה זו בכללה מובן לכל].

קו

### ישוב קושיית הפני יהושע (באופן ראשון)

ולפי זה יש לומר דהסברא שאמרו בגמרא דאסור ליהנות בעולם הזה בלא ברכה, הוא כעבודה מצד הערת השכל ולא מצד הערת התורה, כי מצד הערת התורה הוא רק חיוב בדרך כלל להכנע ולהודות לה׳, אבל לא בפרטיות. ורק מצד דברי סופרים חייבו חכמים בפרטיות לברך על כל אכילה בנוסח הברכה שתקנו, ולכן יש לזה רק דין דרבנן

איבערדעם קאָן זיין [בישוב קושיית הפני יהושע]. דעס איז אַמאָל אַ סְבָרָא [אַז] אסור ליהנות בלא ברכה, די הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל ברענגט דאָס מיט. אָבער אין די הֶעָרַת הַתּוֹרָה, איז עס נישט פון די עֲשִׂין מיט די לֹא תַעֲשִׂין, בִּפְרָטִיּוּת קיין ׳דְאוֹרַיְיתָא׳ איז עס נישט, נאָר בְּדֶרֶךְ כְּלַל איז עס [יאָ. ולכן יש לזה דין דרבנן, לענין ספק ברכות להקל, וכדומה. ולכן כתבו הפוסקים שהברכות הם מדרבנן, כלומר שיש להם דין דרבנן, ומיושב קושיית הפני יהושע. וא״ש נמי דברי הצל״ח שכתב דבמצוה מחודשת לא אמרינן למה לי קרא סברא הוא, דאף שלעולם האדם מתחייב בזה מסברא, אבל החיוב בזה הוא כעין חיובי דרבנן ולא כעין חיובי תרי״ג מצות].

קז

### הקדמה לישוב קושיית הפני יהושע (באופן שני)

אף שמצד הסברא אסור ליהנות בלא ברכה, אבל זהו רק במברך בכוונת הלב, אבל אם מברך בלא כוונת הלב וכמצות אנשים מלומדה, הוא אדרבה ראוי לעונש על זה, וכמבואר בספר חסידים מדברי הפסוק בישעי׳

לעולם מ׳קאָן נאָך זאָגן דאָ פָּשׁוּט אַ הֶסְבֵּר אויך נאָך [בישוב קושיית הפנ״י למה אמרו דברכת הנהנין הוא רק מדרבנן. ווייל] לעולם [היה ראוי להיות מדאורייתא] אַזוי ווי ס׳איז אַ

---

[מו] ברמב״ן וישב (לז, ח-ט): וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל אֵשֶׁת אֲדֹנָיו. סיפר הכתוב כי מיאן לעשות כרצונה אף על פי שהיא גבירתו אשת אדוניו, והוא ירא ממנה. כי היה ירא את השם יותר, וזה טעם אֶל אֵשֶׁת אֲדֹנָיו. ○ וְחָטָאתִי לֵאלֹקִים. בני נח נצטוו על העריות, לשון רש״י. ונכון הוא, רק בעבור חסרון דעת הנשים, הקדים אליה כי הדבר בגידה באדוניו אשר בוטח בו, ואחרי כן אמר כי יש בענין עוד חטא לאלקים. ○ ויתכן לפרש עוד, וְחָטָאתִי לֵאלֹקִים בבגידה הזאת, כי רעה גדולה היא שיהיה בה לי חטא לפני האלקים, כי עיניו בנאמני ארץ (עי׳ תהלים קא, ו), ולא לפניו בוגד יבא (עי׳ איוב יג, טז), ודברו אמת. ○ וז״ל הרבינו בחיי (שם): וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת וְחָטָאתִי לֵאלֹקִים. הגיד כי יעשה שתים רעות, האחת שיהיה בוגד באדוניו הבוטח בו, זהו הָרָעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת, היא הבגידה שיבגוד לאדוניו. השנית שיהיה חוטא לאלקים וכו׳.

[מז] הייני שנחית לתרץ קושיא זו.

סברא, [אַז] אסור לאדם ליהנות מהעולם הזה בלא ברכה.

[אמנם לעומת זה] לעולם אַז מ'זאָגט אַ בְּרָכָה בלי כוונה - אַזוי ווי דער ספר חסידים זאָגט [אין] סימן מ"ו[מח] - איז אַ געוואַלדטיגער עוֹנֶשׁ, חָרָה אַפּוֹ, אַזוי ווי ער זאָגט (ישעי' כט, יג) [וַיֹּאמֶר ה'] יַעַן כִּבְּדוּנִי בִּשְׂפָתָיו וְלִבָּם רִחַק מִמֶּנִּי[מט].

קח

ומצינו גם לענין הלכה דיש ברכות דהכוונה מעכבת מעיקר הדין אפילו בדיעבד, וכגון בברכה ראשונה דשמונה עשרה. אלא שלמעשה כבר כתב הטור דהאידנא שאין מכוונים כל כך, אין מחזירין אותו עבור זה

ס'איז גאָר אין דער הלכה[נ] ביי שמונה עשרה, אַז מ'האָט נישט מְכַוֵּן געווען בְּאָבוֹת [היינו בברכה ראשונה], דאַרף מען נאָכאַמאָל דאַווענען שמונה עשרה.

נאָר דער טור זאָגט[נא], וְהָאִידְנָא איז מען זיך נישט נוהג [לחזור ולהתפלל], ווייל מ'וועט נישט מְכַוֵּן זיין [אפילו ווען] מ'וועט זאָגן נאָכאַמאָל. (וראה גם להלן באות קכה).

קט

[און] אין די גדולי האחרונים[נב] איז דאָ נאָך די שְׁאֵלָה, לְמָשָׁל אַז מ'דערמאַנט זיך [באמצע תפילתו שלא כיוון באבות], איידער מ'האָט געדאַווענט ווייטער, נאָך דער ערשטער

---

[מח] בספר חסידים (סימן מו): כל מעשיך יהיו לשם שמים (אבות ב, יב). לא יהיה אדם הולך לאכול או לישן וכוונתו שיהיה בריא ושמן לעסוק בדברי העולם הזה, ולהיות רודף אחר הממון, אלא יאמר אישן ואוכל כדי שאוכל לעמוד ביראת בוראי, ולעסוק בתורתו ומצותיו. וכשהוא נוטל ידיו ומברך, או כשמברך על הפירות או על המצות, השגורות בפי כל האדם, יכוין לבו לברך לשם בוראו אשר הפליא חסדו ונתן לו הפירות או הלחם ליהנות מהם, וצוהו את המצות. ולא יעשה כאדם העושה דבר כמנהג, ומוציא דברים מפיו בלא הגיון הלב. ○ ועל זה חרה אף ה' בעמו, ושלח לנו את עבדו ישעי' ואמר (ישעי' כט, יג) יַעַן כִּי נִגַּשׁ הָעָם הַזֶּה בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי וַתְּהִי יִרְאָתָם אֹתִי מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, אמר הקב"ה לישעיהו, ישעי' ראה מעשי בני, כי אינו אלא לפנים, ומחזיקים בי כאדם שמחזיק ונוהג מנהג אבותיו בידו, באים בביתי ומתפללים לפני תפלות הקבועות כמנהג אבותם, בלא לב שלם. הם מנקים את ידיהם ומברכים על נטילת ידים, ובוצעים ברכת המוציא, שותים ומברכים, כמו שהדבר שגור בפיהם, אך בעת שהן מברכין אינן מתכונים לברכני, לכן על כן חרה אפו בו ונשבע בשמו הגדול לְאַבֵּד חָכְמַת חֲכָמָיו, היודעים אותו, ומברכים אותו כמנהג ולא בכוונה, דכתיב בתרי' (שם, יד) לָכֵן הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת הָעָם הַזֶּה הַפְלֵא וָפֶלֶא, וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבֹנָיו תִּסְתַּתָּר. ○ לפיכך הזהירו חכמים על הדבר, ואמרו (נדרים סב.) וַעֲשֵׂה דברים לשם פועלם. כי כל אשר ברא הקב"ה בעולמו, לכבודו בראו (אבות ו, יב), ואל תעשם עטרה להתעטר בו (נדרים שם) בעשותך המצות בפני הבריות להתהלל בהם, כי לא נגיע אל רצון בוראינו, לפי שאנו עובדים למצוא חן בעיני אדם, ויצא שכרנו לאשר נתכוונו לו חנם, שלא נקבל שכר בכך. וכל העושה בסתר זוכה ליותר שכר, ולבסוף מתגלים ענייניו ומתעלה. סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע (קהלת יב, יג), תרגום ירושלמי, כל דאיתעבדי בעלמא הדין עתיד לאתפרסמי לכל בני אינשי. ○ ומעשה באדם אחד שמת לפני זמנו כמה שנים, לאחר שנים עשר חודש הרבה, נתגלה בחלום לאחד מקרוביו, שאל לו איך אתה נוהג בעולם שאתה שם, אמר לו בכל יום דנים אותי על שלא הייתי מדקדק לברך ברכת המוציא וברכת הפירות וברכת המזון בכוונת הלב, ואומרים לי להנאתך נתכוונת. שאלו והלא אין משפט לרשעים אלא שנים עשר חדשים בלבד וכבר עברו עליך יותר מי"ב ועדיין דנין אותך, א"ל אין דנין אותי פורעניות חזקים כמו בשנים עשר ראשונים. [ודברי הספר חסידים אלו הובא בחיי אדם (ח"א ה, כו) ובקיצור שלחן ערוך (ו, א) וכף החיים (ה, א)].

[מט] ועיין עוד באורך בחובת הלבבות שער חשבון הנפש (פ"ג, חשבון תשיעי), ובספר חרדים (פ"ט, אות יז).

[נ] כמבואר בגמרא ברכות (ל: ולד:), והובא בדברי הטור דלהלן.

[נא] בטור (או"ח סימן קא): תנו רבנן (ברכות לד:), המתפלל צריך שיכוין בכל הברכות, ואם אינו יכול לכוין בכולן, לפחות יכוין באבות. דאמר רבי אלעזר (שם ל:) לעולם ימוד אדם עצמו אם יכול לכוין באבות יתפלל, ואם לאו אל יתפלל. ואם התפלל ולא כיון באבות, יחזור ויתפלל, ואם כיון באבות, אין צריך לחזור. ויראה אפילו אם כיון בכולן ולא כיון באבות, שצריך לחזור ולהתפלל. והאידנא אין אנו חוזרין בשביל חסרון כוונה, שאף בחזרה קרוב הוא שלא יכוין, אם כן למה יחזור. [וכן פסק הרמ"א (או"ח שם, א)].

[נב] עיין זה במשנה ברורה (בבה"ל שם): והאידנא אין חוזרין וכו'. לכאורה כוונתו אם סיים השמונה עשרה ולא כיון באבות. אבל אם עומד אצל אתה גבור, ונזכר שלא כיון באבות, כיון דמצד הדין לא יצא בזה, האיך נאמר לו שיברך עוד ברכות שלא יצא בהם, אחרי דחסר לו ברכת אבות, וכי מפני שקרוב שלא יכוין נאמַר לו שיברך עוד ברכות שבודאי לא יצא בהם, כן היה נראה לי. אבל מדברי החיי אדם כלל כ"ד דין ב' משמע דאינו חוזר אפילו

בְּרָכָה. [דלכאורה] וויאַזוי קען מען זאָגן ווייטער לכתחילה, אויף דעם אַרויף, אַז מ'ווייסט אַז ס'איז שֶׁלֹּא כְּדִין. [והלא] מֵעִיקַּר הֲלָכָה האָט מען נישט יוֹצֵא געווען אַז מ'האָט נישט מְכַוֵּן געווען בְּאָבוֹת, [דלכל הפחות] ביי די ערשטע בְּרָכָה מוז מען האָבן כַּוָּנַת הַלֵּב. (וראה עוד להלן באות קכט-קל).

קי

– על כל פנים [זעט מען], נוּ אַז ס'איז תָּלוּי אין כַּוָּנָה, איז שְׁכִיחַ ביי רוֹב מענטשן [האידנא, שבעוה״ר לא מכוונים כראוי]. –

קיא

[וכן מצינו] די גמרא זאָגט[נג] אל יזרוק אדם ברכה מתוך פיו, [און] חלילה אַ געוואַלדיגער עוֹנֶשׁ שטייט.

קיב

ווי דער זיידע זכרונו לברכה[נד] האָט געטייטשט די מסורה [ג' פעמים וְשָׂא], 'וְשָׂא' אֵת מִסְפַּר שְׁמֹתָם (במדבר ג, מ), 'וְשָׂא' עֵינֶיךָ יָמָּה וְצָפֹנָה וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ (ואתחנן ג, כז), רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי 'וְשָׂא' לְכָל חַטֹּאתָי (תהלים כה, יח).

ער ברענגט די מַעֲשֶׂה פון רבי יצחק חיות[נה], [וואָס] מ'האָט אים געוויזן רחמנא ליצלן פאַר איינעם די מַלְאָכִים שְׁחוֹרִים, וואָס פון יעדן שֵׁם וואָס ער האָט

---

עומד אצל אתה גבור. ויותר נראה לי עצה אחרת באופן זה, שלא יאמר עוד עתה כלל, וימתין על השליח ציבור שיאמר ברכת אבות, ויכוין לצאת, וכשיגיע השליח ציבור לברכת אתה גבור יתחיל בעצמו, דהלא בתפלה קיימא לן דאינו מוציא אלא דוקא מי שאינו בקי, מה שאין כן באבות, כיון שאינו יכול לברך אותה בעצמו.

ועיין עוד **בכף החיים** (שם, ד): שם בהגה, והאידנא אין חוזרין בשביל חסרון כוונה וכו'. וכן כתב **הלבוש, פרי חדש** אות א', **ר״ז** (שו״ע התניא) אות א'. וכן כתב **הברכי יוסף** אות ב' וז״ל, דעת מרן (המחבר) שהשמיט דברי הטור הנז', נראה דגם עתה ראוי להיות חוזר, ויתעצם לכוין דעתו, אבל לא נהגו כדבריו וכו', וכן כתב **החסד לאלפים** (על השו״ע, לבעל פלא יועץ) אות א'. וכתב שם **החסד לאלפים, דעל כל פנים בדיעבד תפילתו תפלה, ולא הוה ליה ברכותיו לבטלה, רק צריך להבין חומר הענין, ולהתאמץ בכל כוחו לפחות לכוין בברכה ראשונה**, יעו״ש וכו'. ומה שכתב **חיי אדם** כלל כ״ד אות ב' דנראה לו אם נזכר קודם שאמר ברוך אתה ה' בסוף הברכה, יחזור לומר מאלקי אברהם וכו', עיין מה שכתב עליו **הפתח הדביר** אות ב', ומסוף דבריו נראה שאינו מסכים לדבריו, יעו״ש. [ועיין עוד **בשו״ת יד אליהו** (לר״א מקאליש, סימן ח אות ג) **ובשו״ת ארץ צבי** (סימן כב, מד״ה ואציע) מה שהאריכו ליישב מנהג העולם שיוכל להמשיך להתפלל].

[נג] **בגמרא ברכות** (מז.): **תנו רבנן, אין עונין לא אמן חטופה** [שקורין את האלף בחטף ולא בפתח, ואומר אֲמֵן והוא צריך לומר אָמֵן], **ולא אמן קטופה** [שמחסר קריאת הנו״ן, שאינו מוציאה בפה שתהא נכרת], **ולא אמן יתומה** [שלא שמע הברכה, אלא ששמע שעונין אמן. והא דאמרינן בהחליל (סוכה נא.) שבאלכסנדריא של מצרים היו מניפים בסודרים כשהגיע עת לענות אמן, אלמא לא שמעי וקא ענו, הנהו מידע ידעי שהם עונים אחר ברכה, ועל איזו ברכה הם עונים, אלא שלא היו שומעים את הקול], **ולא יזרוק ברכה מפיו** [במהירות, שדומה עליו כמשא, אלא שחוק קבוע הוא לו]. **בן עזאי אומר, כל העונה אמן יתומה יהיו בניו יתומים, חטופה יתחטפו ימיו, קטופה יתקטפו ימיו, וכל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו.** ○ **ובטור** (או״ח סימן קכד): **תניא אין עונין לא אמן חטופה ולא אמן קטופה ולא אמן יתומה, ולא יזרקנה מפיו, פירוש שלא ימהר לאומרה בלא כוונה.**

[נד] **בייטב לב** (סוף פרשת במדבר): **או ירמוז למעשה של הגאון ר' יצחק חיות ז״ל, שראה למעלה שאמרו לאיש אחד אחר פטירתו, שישא עיניו ויראה כמה מלאכים מלובשים שחורים רח״ל, ואמרו לו שהם מכח השמות הקדושים שהוציאם לבטלה, או שלא כוון בהם את הצריך לכוון כמבואר בשלחן ערוך** (או״ח) **סימן ה'.** ○ על כן בעודנו חי ישים האדם אל לבו, פן יאמרו לו 'וְשָׂא' עֵינֶיךָ יָמָּה וְצָפֹנָה וגו', וְשָׂא אֵת מִסְפַּר 'שְׁמֹתָם', לזה מבקש רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי, עמל אדם לפיהו, וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי.

[נה] המעשה באורך נדפס במגילת יוחסין שבספרו **זרע יצחק**, וכן נדפס (בטשערנאוויץ תרכ״ה) על ידי נכדו בשם **אגרת קץ חי**. **ועיקר העובדא הביא ביסוד ושורש העבודה** (שער האשמורת, פרק ב), וז״ל: **ונקוט האי כללא בידך, באיזה בְּרָכָה שיהיה, כשיאמר בָּרוּךְ אַתָּה יצייר במחשבתו כאילו ממש אומר ברכה זו כנגד הבורא ית' ויתעלה לנוכח, כי לשון בָּרוּךְ אַתָּה מורה על זה. וזה חיוב גדול על כל אדם בכל התפלות ובכל השבחים והודאות, ולא יהא שום דבור יוצא מפיו בעבודת הבורא ית' ויתעלה כמצות אנשים מלומדה רח״ל, רק לנוכח הבורא ית', כי**

KolSatmar.com

אַרויסגעזאָגט בְּלִי כַּוָּנָה האָט ער באַשאַפן מַלְאָכִים שְׁחוֹרִים, אַזוי ברענגט ער. [ובזה פירש שם ג' פסוקי המסורה, עיי"ש].

קיג

ישוב קושיית הפני יהושע (באופן שני)

ונמצא דמי שמברך בכוונת הלב, אצלו שפיר שייך הסברא שאמרו בגמרא, ויש לומר דהוא אפילו מדאורייתא. אמנם באותן שאין מכוונים כראוי, אדרבה מצד הסברא עדיף שלא יברכו, ולכן הוצרכו החכמים להטיל חיוב הברכה בכל אופן, ולזה מבואר בדברי הפוסקים דחיוב זה לכל אדם הוא רק מדרבנן, וכמו שהוכיחו כן בראיות גם מדברי הגמרא

לְפִי זֶה איז דאָך אַזוי.

אַז מ'זאָגט טאַקע אַ בְּרָכָה בְּדֶרֶךְ שְׁבַח, מיט כַּוָּנַת הַלֵּב, דעס איז אַ שטאַרקע 'סְבָרָא', אַז מ'איז מְחוּיָּב.

נאָר טאָמער זאָגט מען עס בְּלֹא כַּוָּנָה, איז אַ סְבָרָא מ'זאָל 'נישט' זאָגן.

נאָר וואָס דען, די חֲכָמִים האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ חִיּוּב [לברך אף כשלא יוכל לכוון].

קיד

[ואם כן] מִצַּד הַסְּבָרָא ברויך מען נאָר זאָגן מיט כַּוָּנַת הַלֵּב.

נאָר מילא [בדורות אחרונים] זעט מען דאָך אָבער אַז רוֹב עוֹלָם – רוּבָּא דְרוּבָּא – זאָגט מען דאָך בְּלִי כַּוָּנָה, אַזוי ווי ס'שטייט נאָך אין טור[נא] [אַז] איבערדעם זאָגט מען נישט נאָכאַמאָל שמונה עשרה [כשלא כיון אף בברכת אבות], ממילא מִצַּד הַסְּבָרָא איז נישט [שייך] קיין חִיּוּב אַרויפצווואַרפן.

קטו

[אמנם] בעצם איז אַ סְבָרָא [שאסור ליהנות בלא ברכה], די גמרא זאָגט נאָר [דלכך תקנוהו חכמים בכל אופן] ווייל ס'איז אַ סְבָרָא שלא ליהנות מעולם הזה בלא ברכה, דאָס איז אַמאָל געוויס. [אָבער] פונדעסטוועגן פאַר קיין הֲלָכָה העט מען עס נישט געדאַרפט צו מאַכן מִכֹּחַ סְבָרָא, ווייל מ'זאָגט [דאָך] נישט אַזוי ווי מ'ברויך, מ'זאָגט נישט אַזוי ווי די סְבָרָא איז [וויאַזוי] מ'ברויך צו זאָגן, [ואדרבה בעוה"ר] מ'זאָגט כְּנֶגֶד הַסְּבָרָא.

קטז

ס'איז אַ סְבָרָא אַז מ'דאַרף צו געבן שְׁבַח פאַרן בורא כל עולמים, [אמנם לפי זה] איז

---

מלא כל הארץ כבודו. ○ ומי שאינו מכוין ומצייר במחשבתו כמשמעות הברכה, שאומר נגדו ית' ממש לנוכח, ברור לכל בַּר שֵׂכֶל שברכה כזו כאילו לא בירך כלל וענשו גדול, שביטל ברכה שתקנו אנשי כנסת הגדולה, וגורם העדר הנחת מהבורא ית', כי אף ברכות המצות וברכות הודאות הם תקונים גדולים בעולמות העליונים הקדושים. ובברכת הנהנין עוד מוסיף סרה, שאכל ושתה בלא ברכה, כי בברכה כזו כלא נחשב וכו'. ולא זאת אלא אף זאת, שיש לו עונש שהוציא שם שמים לבטלה רח"ל, כי בברכה זו שבירך בלא כונת הלב, אמר שם הקדוש והנורא בפיו ולבו בל עמו. ○ וכדי להלהיב לב אנשים לגודל הזהירות בזה, אעתיק מעשה רב מה שמצאתי בספר וזה לשונו: המחבר זרע יצחק ז"ל, אנגיד (פי' שנחלה), ושמע בבית דין של מעלה קול רעש גדול פִּנּוּ מקום לצדיק אחד שנפטר, וקבלוהו בכבוד גדול, ונתנו לו ספר תורה בזרועו, ושאלוהו קִיַּמְתָּ מה שכתוב בזה, ואמר הן. קִיַּמְתָּ מצוה ראשונה שהיא מצות פרי' ורבי' לא להנאתך אלא לשם שמים, אמר הן. ואמרו מי מעיד בך, ובאו המלאכים שנבראו מהמצות אשר עשה עד אין מספר, והעידו בו, זה אומר נבראתי ממצוה זו, וזה מזו, וכן כולם. אחר כך הביאו לפניו ארבעה טורי שלחן ערוך ושאלוהו קִיַּמְתָּ תורה שבעל פה, ואמר הן, ומי מעיד, ובאו המלאכים כנ"ל והעידו בו. שוב שאלוהו נִזְהַרְתָּ מלהוציא שם שמים לבטלה, וידום. חזרו ושאלו, אשתיק ולא אמר להו ולא מידי. והכריזו אחר עדות, ובאו גדודי מלאכי חבלה לבושים ומתעטפים שחורים והעידו בו, זה אומר נבראתי ביום פלוני כשהוציא אזכרות כך וכך בתפלה בלא כוונה, וזה אומר כך. ויקרעו שמלותם כל הבית דין שלמעלה, וגם אני קרעתי, ואמרו טפה סרוחה איך לא יראת כו', ונגמר דינו או לירד לגיהנם או יחזור ויבא בגלגול, ובחר בגיהנם מגלגול, עכ"ל בקצור. [ועיין בחיי אדם (ח"א ה, א) שהעתיק גם כן העובדא בלשון זה].

KolSatmar.com

דאָך עס אַ שְׁבַח, [און] אַ שְׁבַח איז דאָך נאָר פאַרהאַנדן אַז מ'איז 'דערביי'.

[אָבער] אַז מ'זאָגט די דִיבּוּרִים און מ'ווייסט נישט וואָס מ'רעדט, מ'ווייסט נישט וואָס מ'זאָגט, [איז דאָך] 'פאַרקערט', דאָס איז דאָך - דער בורא כל עולמים - ס'איז דאָך גאָר אַ חֶרוֹן אַף אויף דעם, מ'ווערט דאָך נאָך [נענש] פאַר דעם, דער בורא כל עולמים זאָגט אויף דעם [אַז] ליבער איז גאָר יָפֶה שְׁתִיקָתוֹ מִדִיבּוּרוֹ[נו].

קיז

דאָס איז [אויך דער וידוי פון] עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּוִדוּי פֶּה, [אַז] מ'האָט זיך מִתְוַדֶּה געווען מיטן 'מויל', אָנעם 'האַרץ'.

[ווייל] דאָס אַליין איז אויך אַ חֵטְא, דאָס איז אויך אַ חֵטְא.

אַזוי טייטשט מען דאָך[נז] [דעם לשון] בְּוִדוּי 'פֶּה'.

קיח

[וממילא באם מברך בלא כוונה] איז דאָך עס אַרויס פון דער סְבָרָא.

נאָר וואָס דען [ראו החכמים לתקן חיוב הברכות בכל אופן], ווייל ס'איז דעך 'דאָך' אַ סְבָרָא אַז ס'ברויך צו זיין [החיוב בדרך כלל], נו אַז מ'וועט גאָרנישט זאָגן [אם לא יתקנו החכמים לברך, יהא נמצא] און אפילו 'דער' וואָס ער איז טאַקע יאָ דערביי וועט דאָך אויך נישט וויסן [צו זאָגן כהוגן, ווייל] אַז ס'איז נישט קיין חִיּוּב, וועט עס נִשְׁכַּח ווערן מִן הַלֵב, [איבערדעם] האָבן די חכמים געמאַכט אַזוי [שיהא חיוב לאומרו בכל אופן, כדי שמתוך כך לא ישכחו היראי ה' מלברך, והם כבר יברכו בכוונה].

[נאָר] ממילא [ וויבאַלד] אַז די חכמים האָבן עס געמאַכט [פאַר א תקנה] מוז מען שוין זאָגן, אפילו אין וואָס פאַר אַ מַצָב מ'איז [נאָר], אפילו מ'איז נישט ביי דער בחינה אַז מ'זאָל זיך מְצַמְצֵם זיין [דעתו וכוונתו].

קיט

[ונמצא כי] מִכֹּחַ סְבָרָא העט מען געברויכט צו זאָגן [רק] ווי ס'קער צו זיין [וזהו שפיר סברא דאורייתא]. און אַז מ'איז נישט ביי דער בְּחִינָה העט מען דאָך נישט געברויכט צו זאָגן [בכלל. אמנם] דעס דאַרף מען שוין צו זאָגן, ווייל די חכמים האָבן געהייסן, [ועל כן שפיר קיימא לן דהברכות הם רק 'מדרבנן'].

קכ

לפי זה איזביידע אֶמֶת, ס'איז אַ סְבָרָא [אַז] אסור ליהנות מעולם הזה [בלא ברכה], די סְבָרָא איז אַמאָל אֱמֶת וְיַצִיב, ס'איז אַ סְבָרָא דְאוֹרַיְיתָא, אָבער בֶּאֱמֶת איז אַזוי [דחיובא דברכות הם רק מדרבנן].

קכא

און עקסטערדעם, לויטן חוֹבַת הַלְבָבוֹת'ס כְּלַל, קאָן מען זאָגן [אַז] דאָס קער צום הֶעָרַת הַשֵׂכֶל. ס'איז אַ חִיּוּב [גמור] מִצַד'ן הֶעָרַת הַשֵׂכֶל, אָבער מִצַד הֶעָרַת הַתּוֹרָה קאָן מען דאָס נישט רעכענען, [ווייל] לַהֲלָכָה, [אַז] מ'זאָל דאָס רעכענען אין די הֲלָכָה, דאָס איז נאָר פון די הֶעָרַת הַתּוֹרָה.

---

[נו] מלשון המשנה בגיטין (מו:), ועוד.

[נז] באהבת דוד להחיד"א (דרוש יז לשבת שובה, ד"ה וכבר האריך) הביא שכן פירשו ראשונים. וכן הביא פירוש זה בספרו דבש לפי (מערכת ו', אות ב), והעתיק דבריו בבני יששכר (תשרי ז, ט), עיי"ש.

KolSatmar.com

די הֲלָכוֹת אין די גמרא און אין שלחן ערוך וואָס זיי שטייען, גייט אַלעס אַרויף אויף הֶעָרַת הַתּוֹרָה. [נאָר] ס׳איז דאָ עקסטער אַ סְעִיף [בשלחן ערוך בדרך ׳כלל׳, על חיוב] בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ (משלי ג, ו), מ׳זאָל אַלעס טון לְשֵׁם שָׁמַיִם, דאָס איז אויך דאָ, ס׳ווערט געברענגט ׳דער חִיּוּב אויך׳ אין שלחן ערוך[נח]. [ועל דרך שכתב הרמב״ן במצות קְדֹשִׁים תִּהְיוּ].

אָבער על כל פנים אָבער אין די פְּרָטֵי הַדִּינִים וואָס ס׳איז ביי יעדן גלייך [זהו שייך רק בדינים גמורים שהם להלכה, אמנם חיוב העבודה מצד הערת השכל] דעס איז נישט ביי יעדן גלייך, די זאַך וואָס ס׳איז מִכֹּחַ סְבָרָא איז נישט ביי יעדן גלייך, [רק] דאָס איז [בכל אחד] לְפִי מַה שֶׁהוּא אָדָם.

קכב

נאָר די גמרא זאָגט נאָר [לפרש הטעם שהחכמים תקנו חיובי הדינים של הברכות], ווייל ס׳איז דאָך בְּעֶצֶם [בדרך כלל] איז דאָך אַ סְבָרָא [לברך ולהודות לה׳ על כל דבר, אמנם בתנאי כי] מ׳העט דאָך געדאַרפט צו זיין ׳דערביי׳ [בכוונת הלב כראוי, אבל בלא זה הוא אדרבה מצד הסברא להיפוך, ולכן] האָבן די חכמים עס געמאַכט פאַר אַ חִיּוּב [׳להלכה׳, מדברי סופרים].

אָבער בְּעֶצֶם [הדבר] איז עס טאַקע דאָס איז אַ סְבָרָא דְּאוֹרַיְיתָא טאַקע, אַזוי ווי ס׳איז די סְבָרָא [שאסור ליהנות בלא ברכה]. און איבעראָל וואָס איך זאָג [אַז] מִכֹּחַ סְבָרָא קען מען נישט מאַכן קיין מִצְוָה [וכמו שכתב הצל״ח, זהו גם כן אמת], ווייל ס׳איז טאַקע צוויי זאַכן, [וענין מחודש מסברא] דעס איז [נאָר] פון די הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל, מִצַּד׳ן הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל איז אַזוי די סְבָרָא, אָבער נישט מִצַּד׳ן הֶעָרַת הַתּוֹרָה.

קכג

ישוב דברי התוספות בברכות (לה.)

ובזה יש ליישב גם דברי התוספות, על הא דאיתא עוד בגמרא דיש קל וחומר על זה, דאם כשהוא שבע מברך ברכת המזון, כשהוא רעב לא כל שכן. וכתבו התוספות דלאו קל וחומר גמור הוא, דהרי מוכח כן בדברי המשנה דהוא רק מדרבנן, שהרי אמרו בעל קרי מברך לאחריו ולא לפניו. ולא ביארו התוספות הטעם, אמאי לאו קל וחומר גמור הוא, שיהיה מדאורייתא

תוספות׳ס קשיא[נט], איז אויך מיט דעם פאַרענטפערט.

וואָס תוספות פרעגט[ס] [על מה דאיתא בגמרא][כא] לַאו קַל וָחֹמֶר הוּא[סא], כְּשֶׁהוּא שָׂבֵעַ מְבָרֵךְ, [כְּשֶׁהוּא] רָעֵב לֹא כָּל שֶׁכֵּן. זאָגט תוספות, ס׳איז נישט קיין קַל וָחֹמֶר גָּמוּר, וואָרן

---

[נח] בשלחן ערוך (או״ח סימן רלא): אם אי אפשר לו ללמוד בלא שינת הצהרים, יישן וכו׳. ובלבד שלא יאריך בה, שאסור לישן ביום יותר משינת הסוס שהוא שיתין נשמי. ואף בזה המעט לא תהא כוונתו להנאת גופו, אלא להחזיק גופו לעבודת השי״ת. ○ וכן בכל מה שיהנה בעולם הזה, לא יכוין להנאתו, אלא לעבודת הבורא יתברך, כדכתיב (משלי ג, ו) בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ, ואמרו חכמים (אבות ב, יב) כל מעשיך יהיו לשם שמים, שאפילו דברים של רשות, כגון האכילה והשתיה וההליכה והישיבה והקימה וכו׳ והשיחה, וכל צרכי גופך, יהיו כולם לעבודת בוראך, או לדבר הגורם עבודתו. שאפילו היה צמא ורעב, אם אכל ושתה להנאתו אינו משובח, אלא יתכוין שיאכל כפי חיותו, לעבוד את בוראו. ○ וכן אפילו לישב בסוד ישרים, ולעמוד במקום צדיקים, ולילך בעצת תמימים, אם עשה להנאת עצמו והשלים חפצו ותאותו, אינו משובח, אלא א״כ עשה לשם שמים. ○ וכן בשכיבה, א״צ לומר שבזמן שיכול לעסוק בתורה ובמצות לא יתגרה בשינה לענג עצמו, אלא אפילו בזמן שהוא יגע וצריך לישן כדי לנוח מיגיעתו, אם עשה להנאת גופו אינו משובח, אלא יתכוין לתת שינה לעיניו ולגופו מנוחה לצורך הבריאות, שלא תטרף דעתו בתורה מחמת מניעת השינה וכו׳. ○ וכן בשיחה, אפילו לספר בדברי חכמה, צריך שתהיה כונתו לעבודת הבורא, או לדבר המביא לעבודתו. ○ כללו של דבר, חייב אדם לשום עיניו ולבו על דרכיו, ולשקול כל מעשיו במאזני שכלו, וכשרואה דבר שיבא לידי עבודת הבורא יתברך יעשהו, ואם לאו לא יעשהו. ומי שנוהג כן, עובד את בוראו תמיד.

[נט] לעיל בין הקושיות כאן לא הזכיר רבינו קושיא זו, אבל בס״ג שנת תשכ״ו הזכיר גם זה בין הקושיות והאריך ליישבו, ועל זה סובב לשון רבינו כאן. והכוונה שגם לפי דרכינו עתה יתיישב דברי התוספות עם דברי הגמרא.

**וְהָרְאָיָה איך זעה דאָך** [אַז] **בִּרְכַּת הַמָּזוֹן לאחריו איז דאורייתא, און** [הברכה] **לפניו איז דרבנן,** [כדמוכח בדברי המשנה (ברכות כא.)] **בעל קרי מהרהר בלבו ואינו מברך 'לפניו',** [אבל לאחריו מברך 'בפה'].

[אַזוי] **פרעגט דאָך תוספות**[סב].

קכד

אבל לדרכינו יש לומר דגם הקל וחומר לא שייך אלא במברך בכוונה, ואם כן במי שהוא רעב באופן שאין יכול לכוון דעתו, נסתר הקל וחומר על הברכה שלפניו, דאז יתכן שיהיה בגדר רעב מאוד. וכדמצינו כן ברמב"ם ושלחן ערוך, דמי שהוא רעב וצמא עד שאין יכול לכוון בתפלה, מותר לו לאכול קודם התפלה, ולדעת הרמב"ם אף אסור לו להתפלל עד שיאכל

**נאָר 'אַזוי'** [לפי דרכינו באופן השני] **איז עס שוין פאַרענטפערט.**

[ווייל] **לעולם איז אַזוי, - אויך די זעלבע זאַך, - לעולם איז טאַקע אַ סְבָרָא** [ללמוד 'בקל וחומר', דאס] **כְּשֶׁהוּא שָׂבֵעַ מְבָרֵךְ, רָעֵב לֹא כָּל שֶׁכֵּן, ס'איז אַ גוטע סְבָרָא.**

**ס'איז אָבער דאָ 'פאַרקערט' אָבער אויך אַ סְבָרָא,** [ווי] **ס'שטייט**[סג] [אַז] **אַ 'רָעֵב', אִם אֵין יָכוֹל לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ, לֹא יִתְפַּלֵּל.**

קכה

[ווי] **זיי ברענגען דאָך גאָר** [הפוסקים, דעס וואָס] **דער רמב"ם זאָגט**[סג] **גאָר** [אַזוי להלכה 'מסברא' גם לענין הרעב והצמא, ואף שאין מבואר דין הרעב והצמא בגמרא].

[נאָר] **שטייט**[סד] [שוין, אַז] **היינט ווייל מ'איז נישט מִתְכַּוֵּן כָּל כַּךְ, מעג מען** [דאַווענען, מבלי שיאכל]. (ועיין לעיל באות קט).

**אָבער לכתחילה, אַז מ'איז אַ רָעֵב, טאָר מען נישט אפילו דאַווענען, און** [ווי] **אין רמב"ם זעט אויס, און אין שלחן ערוך**[סה]**, אַז מ'איז 'רָעֵב' וקשה לו** [לכוון]**, טאָר מען גאָר נישט דאַווענען, ווייל מ'קען נישט מְכַוֵּן זיין.**

---

[ס] **בתוספות ברכות** (לה.): **לפניו לא כל שכן. לאו קל וחומר הוא, דאם כן תהא ברכה דלפניו מדאורייתא, ולעיל פרק מי שמתו** (דף כא.) **משמע גבי בעל קרי דלאו דאורייתא הוא וכו'.**

[סא] בלשון בתמיה.

[סב] על הקל וחומר שאמרו בגמרא. ולפירושם בתירוצם אכתי צריך ביאור דהלא בגמרא אמרו קל וחומר הוא, ומאיזה טעם כתבו התוספות דלאו קל וחומר גמור הוא, כי הם לא כתבו רק להכריח כן מדברי המשנה, אבל לא ביארו למה באמת לאו קל וחומר גמור הוא.

[סג] **ברמב"ם** (תפלה ה, ב): **וכן הצמא והרעב, הרי הן בכלל חולים, אם יש בו יכולת לכוין את דעתו יתפלל, ואם לאו אַל יתפלל, עד שיאכל וישתה.**

[סד] **בבית יוסף** (או"ח סימן פט) הביא לשון הרמב"ם דלעיל, ועל זה כתב: **ולפי מה שכתב רבינו** [הטור] **בסימן צ"ח בשם הר"מ** [מרוטנבורק] **אהא דכל שאין דעתו מיושבת עליו לא יתפלל, שאין אנו נזהרים עתה בכל זה לפי שאין אנו מכוונים כל כך בתפילה. אפשר דהני נמי יתפללו, ואח"כ יאכלו וישתו. ומיהו אם רצו הצמא והרעב לסמוך על דברי הרמב"ם ז"ל, הרשות בידם.** [וכן העתיק זה במגן אברהם (שם, יג)].

וז"ל **הטור שם** (בסימן צח): דתניא (ברכות לא.) **המתפלל צריך שיכוין לבו וכו', פירוש שיכוין פירוש המלות שמוציא בשפתיו, ויחשוב כאילו שכינה כנגדו וכו', ויעיר הכוונה ויסיר כל המחשבות הטורדות אותו, עד שתשאר מחשבתו וכוונתו זכה בתפלתו וכו', ואם תבא לו מחשבה אחרת בתוך התפלה, ישתוק עד שתתבטל המחשבה, ולא יתפלל לא במקום שיש בו דבר שמבטל כוונתו, ולא בשעה המבטלת כוונתו וכו'. וכתב הר"ם מרוטנבורג, אין אנו נזהרין עתה בכל זה, שאין אנו מכוונין כל כך בתפלה.**

וכן הוא **בשלחן ערוך שם** (צח, א-ב): **המתפלל צריך שיכוין בלבו פירוש המלות שמוציא בשפתיו וכו'** [וכן המשך דברי הטור, ומסיים] **לא יתפלל במקום שיש דבר שמבטל כוונתו, ולא בשעה המבטלת כוונתו. ועכשיו אין אנו נזהרין בכל זה, מפני שאין אנו מכוונים כ"כ בתפלה.** [והכוונה שאין נזהרים למנוע מלהתפלל בשעה או מקום שמתבטל כוונתו, אבל בודאי נזהרין לכתחלה לכוון אם יוכל].

[סה] **בשלחן ערוך** (או"ח פד, ד): **הצמא והרעב, הרי הם בכלל החולים, אם יש בו יכולת לכוין דעתו, יתפלל. ואם לאו, אם רצה אל יתפלל, עד שיאכל וישתה.** [ודברי רבינו כאן דאסור לו להתפלל, הכוונה לדברי הרמב"ם, אבל המחבר

קכו

ולזה כתבו התוספות דלאו קל חומר גמור הוא. אבל מכל מקום בגמרא אמרו הך קל וחומר, כי באמת לאדם השלם אין ראוי שהרעבון יעכב דעתו מלכוון, כי אדרבה האדם השלם במדריגה הוא נעשה שבע מהברכה והתפילה עצמה, ומעבודת ה׳

**ממילא איז עס נישט קיין קַל וָחֹמֶר** [גם לענין הברכה, דאם כשהוא ׳שבע׳ מברך, כשהוא ׳רעב׳ לא כל שכן], **ווייל ס׳ברויך דאָך צו זיין כַּוָּנָה** [באמירת הברכה. וממילא דער] **ווער ס׳קען מְכַוֵּן זיין טאַקע** [גם כשהוא רָעֵב], **איז דער קַל וָחֹמֶר אַ גוטער קַל וָחֹמֶר.**

[ומיושב הסתירה כאן, וואָס] **לעולם זאָגט די גמרא** [וכי] **לַאו קַל וָחֹמֶר הוּא, און תוספות זאָגט ס׳איז נישט קיין קַל וָחֹמֶר, און די גמרא זאָגט ס׳איז יאָ אַ קַל וָחֹמֶר,** [וזה תמוה מאוד. אמנם] **׳אַזוי׳** [לדרכינו] **איז פאַרענטפערט טאַקע,** [ווייל] **אַלִיבָּא דֶאֱמֶת ווער ס׳איז ׳דערביי׳** [אצלו שפיר הוי קל וחומר כדברי הגמרא, ומ״מ בעלמא ברוב אינשי לא הוי קל וחומר וכדברי התוספות][סו].

קכז

וכמו שפירשו בפסוק כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי, דאדם השלם תשבע נפשו מן שִׂפְתֵי רְנָנוֹת שיהלל פיו, כמו ששאר אדם תשבע נפשו מן חֵלֶב וָדֶשֶׁן. וכן פירשו בפסוק **אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ**, דאם האדם מרגיש רעבון בעת התפילה, הוא סימן שלא אמר דיבורי התפילה כראוי

**ווי ס׳שטייט אין ייטב לב**[סז] [לפרש הפסוק] **כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי** (תהלים סג, ו), **ווער ס׳איז רָאוּי, און ווער ס׳איז ׳דערביי׳, ווערט ער זאַט פון דִּבּוּרִים, פּונקט אַזוי ווי פון חֵלֶב וָדֶשֶׁן.**

---

כתב רק דאם רצה אל יתפלל, והוא על פי מה שכתב שם בבית יוסף (המובא לעיל) על פי דברי הטור בסימן צ״ח, שבלאו הכי אין אנו מתכוונים כל כך, וכמו שביאר שם המגן אברהם (ס״ק יג)].

[סו] ולזה ג״כ אמרו במשנה דבעל קרי אינו מברך לפניו, דבזה אזלינן בתר הרוב.

[סז] בספרי **הייטב לב** לא מצאנו כעת, ואולי היה מרגלא בפומיה כן בשם צדיקים שפירשו כן, וכמו שסיים רבינו אַזוי ׳ברענגט׳ דער זיידע ז״ל, דהיינו מאחרים. ועי׳ פירוש זה בשם הייטב לב גם **בדברי יואל פינחס** (תניינא עמוד לד) ממה שאמר רבינו בשנת **תרצ״ד** [ונדפס זה בשעתו בירחון לקט שושנה (שנה ד, סימן קד) שי״ל בעיר סאטמאר].

ופי׳ הפסוק הראשון שהביא רבינו, כן הוא **בנועם מגדים** פרשת אמור וז״ל: וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ וכו׳. הענין הוא דהתורה הק׳ הזהירה ולימדה דעת את האדם איך יקדש עצמו קודם יום הכיפורים, שיראה שיהיה כל תשוקתו וחפצו רק לעבודת ה׳, ויהיה שמח מאד בעבודת ה׳ כעל כל הון, **וישבע מעבודת ה׳ כמו מכל מעדנים, כמאמר הכתוב כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי, שֶׁשָּׂבֵעַ מהילול ושפתי רננות, כמו מחלב ודשן.** ועסקי עולם אכילה ושתיה ודומיהן יהיה בעיניו למשא כבד וכו׳. וזהו כוונת הכתוב, שתקדש עצמך כל כך עד כשיבא ערב יום הכיפורים שאינו בעינוי רק לאכול לשבעה, יהיה האכילה אצלו כעינוי, כי כל תשוקותיו יהיה רק לעבוד ה׳, וזהו וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ, שהאכילה יהיה אצלך כעינוי. והיפוך, העינוי דיום הכיפורים לשם ה׳, וכל עבודתיו בתפלה הק׳, יערב לך יותר מכל עידון. וזהו מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב היינו של יום הכיפורים, יהיה אצלך עונג כמו עונג שבת, וזהו תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם וכו׳.

וכן כתב שם בסוף הספר בדרוש ליוה״כ וז״ל: ונראה ביאור הדבר על פי מאמר הפסוק כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי וגו׳, והכוונה דכמו חלב ודשן כו׳, כן ישבע נפשי בהיות שִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי. **כי הצדיק ישבע מעבודת הקב״ה כאילו אכל ושתה וכו׳.**

ומצאנו קרוב לזה [בפי׳ פסוק הראשון, ובפי׳ פסוק השני הוא פירוש זה ממש] בספר **בוצינא דנהורא החדש** (ליקוטים מתורת הרה״ק ר׳ ברוך ממעזבוז זצ״ל, בענין אכילה, אות ה-ו) [וכ״ה בספר אסיפת אמרים, ובשושנים לדוד] וז״ל: **כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי.** בשם **הרבי רבי ברוך זצ״ל** ממעזיבוז, רצה לומר כפי האכילה שלך, **וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל פִּי**, רצה לומר כמו כן הוא התפילה, כמו שאנו אוכלים כך מתפללים. ○ **אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ.** מהרה״ק **רבי ברוך**, סימן זה יהיה מסור בידך, **שֶׁאִם אֶרְעַב** בשעת התפלה, זה סימן **שֶׁלֹּא אֹמַר לָךְ, שלא אמרתי שום דיבור לפני הקב״ה כראוי**, כמאמר **הבעל שם טוב** נ״ע, תמה אני עליך הגוף, איך לא התפוררת מאימת בוראך בעמדך לחנן לפניו.

ובספר **אור צדיקים** (תהלים נ׳) הביא קרוב לזה [בפי׳ פסוק השני] **בשם המגיד מזלאטשוב זצ״ל**, וז״ל: **אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ.** שמעתי בשם הרה״ק מוהרי״מ מזלאטשוב דרך הלצה, **אִם אֶרְעַב** אחר התפילה, אָז הסימן מובהק **לֹא אֹמַר ׳לָךְ׳**, פירוש התפלה לא היתה בשבילך יתברך שמך.

זאָגט ער [דזהו גם כן פירוש הפסוק] (תהלים נ, יב) **אִם ׳אֶרְעַב׳**, אַז איך בין נאָך הונגעריג, דעמאָלטס לֹא ׳אֹמַר׳ לָךְ, האָב איך גאָרנישט ׳געזאָגט׳, דאָס איז אַ סִימָן [שלא היתה תפלתו כראוי]. וואָרן אַז נישט, דאַרף מען נישט שפירן [קיין הונגער].

אַזוי ברענגט דער זיידע זכרונו לברכה.

קכח

על כל פנים איז אַזוי.

בְּעֶצֶם איז טאַקע אַ קַל וָחֹמֶר, כְּשֶׁהוּא שָׂבֵעַ מְבָרֵךְ, כְּשֶׁהוּא רָעֵב לֹא כָּל שֶׁכֵּן.

אָבער לויטן מְהוּת הָעוֹלָם, וואָס מ׳איז נישט ׳דערביי׳, [און] אַז מ׳איז רָעֵב, קען מען נישט מְכַוֵּן זיין דַּעְתּוֹ, איז ׳אויס׳ קַל וָחֹמֶר. וואָרן דעמאָלטס קאָן איך מְכַוֵּן זיין אֶת דַּעְתּוֹ, כְּשֶׁהוּא שָׂבֵעַ, און דעמאָלטס [כשהוא רָעֵב] קען איך נישט, [און] אַז ער קען נישט מְכַוֵּן זיין אֶת דַּעְתּוֹ איז דאָך בְּעֶצֶם גאָרנישט דאָ דער חִיּוּב. [ואפילו] מִדְּרַבָּנָן העט געווען בעסער ער זאָל נישט זאָגן, אַזוי ווי דער **ספר חסידים** זאָגט[מח] ס׳איז אַ חֲרוֹן אַף [ווען ס׳איז] בִּשְׂפָתָם כִּבְּדוּנִי וְלִבָּם רִחַק מִמֶּנִּי, [אַז] מ׳זאָגט מיטן מויל און מ׳איז **נישט ׳דערביי׳**. [אלא שכבר חייבו חכמים דצריכין לברך בפה בכל אופן].

קכט

היוצא מזה לעניננו: בזהירות כוונת התפילה

דער אֱמֶת איז דאָך אַ פֶּלֶא [ביי] דאָס דאַוועגען, [דבאם לא נתכוון] **בְּאָבוֹת** איז דאָך גאָר עַל פִּי הֲלָכָה אַז מ׳איז מְחוּיָב לַחְזוֹר, ס׳איז אַ גרויסע שַׁאֲלָה וויאַזוי זאָגט מען ׳ווייטער׳ [כשעומד עדיין באמצע שמונה עשרה, און] אַסאַך זאָגן אַז מ׳זאָל טאַקע יאָ זאָגן נאָכאַמאָל אָבוֹת [לחזור לראש התפילה], ס׳איז דאָ דֵּעוֹת[נב], נאָר ס׳איז שווער צו זאָגן, [שהרי] ס׳איז דאָך אַ חֲשַׁשׁ בְּרָכָה לְבַטָּלָה [דלאותן הסוברים שאין לנו לחזור כהיום].

קל

[אָבער] על כל פנים מ׳דאַרף האָבן אַ געוואַלדטיג זְהִירוּת אויף דעם, אַז מ׳זאָל כאָטש מְכַוֵּן זיין ׳בְּאָבוֹת׳ אין די שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, [מ׳זאָל] אינזין האָבן וואָס מ׳זאָגט.

דאָס איז דער עִיקַּר הֲלָכָה אַזוי, מִצַּד די הֲלָכָה האָט מען נישט יוֹצֵא געווען, האָט מען נישט יוֹצֵא געווען מיט דער שמונה עשרה אַז מ׳איז נישט מְכַוֵּן על כל פנים בְּאָבוֹת, די בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה.

קלא

הקדמה לישוב קושיא כד

והיוצא מזה דהסברא הנזכר בגמרא הוא רק במי שאינו שוכח חובת האדם לבוראו, אבל ברוב בני אדם השכחה מצויה

יהיה איך שיהיה, דאָס ענין [שנתקשה בו הפני יהושע], דאַכט זיך מיר [אַז] מיט דעם

---

ובשו״ת הד״ר (סימן כט) הביא וז״ל: פעם אחת שָׁבַת רב אחד אצל רבינו הרה״ק ר׳ יהודא צבי מסטרעטין זי״ע על שבת קודש, ואחר התפילה שארכה שעות הרבה ישבו לקדש קדושא רבא, וביקש רבינו הק׳ מסטרעטין מהאורח שיאמר איזה דבר תורה קודם הקידוש, וענה שדוד המלך ז״ל אמר אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ, והיינו ׳אִם אֶרְעַב׳ שעדיין לא אכלתי, אז ׳לֹא אֹמַר לָךְ׳, אינני מסוגל לומר דבר תורה. וענה רבינו הק׳ מסטרעטין, אנחנו מפרשים המקרא באופן אחר, ׳אִם אֶרְעַב׳ פירוש אם רעב אנכי אחר התפילה, אז סימן הוא ׳לֹא אֹמַר לָךְ׳, שלא התפללתי כראוי, כי אם התפללתי כראוי אז הייתי שָׂבֵעַ מתיבות התפילה.

איז דאָס מְיוּשָׁב. [און] על כל פנים מיט דעם [במה שאמרנו באופן הראשון], **אַז מִצַּד הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל איז עס טאַקע אַ סְבָרָא, דעס ענְיָן פון די כְּנִיעָה פאַר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ**[סח].

[אבל לאו בכל אדם וזמן הוא במדריגה זו לכוון כראוי, והשכחה מצויה מחובת האדם בכניעתו לה׳, וכמו שהכתוב מזהיר על זה (עקב ח, יד) פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וגו׳] ׳וְרָם׳ לְבָבֶךָ ׳וְשָׁכַחְתָּ׳ [וגו׳, והרי כי ׳השכחה׳ גורם היפך ׳הכניעה׳].

קלב

וכמו שהביא בייטב פנים רמז בזה, דהתיבות שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים הוא ר״ת ׳שִׁכְחָה׳, כי באמת חובת האדם הוא להודות ולהלל לה׳ בכל עת, אבל הלימוד זכות הוא כי השכחה מצויה

[׳והסברא׳ הנזכר בגמרא הוא רק] **אַז מ׳פאַרגעסט זיך נישט** [מחובת האדם לבוראו].

[ווי] **ס׳שטייט אין ייטב פנים ביי די מאמרים פון חנוכה**[סט], [אַז] **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים** (נוסח פסוקי דזמרה לשבת ויו״ט) **איז די ראשי תיבות שִׁכְחָה**, [והכוונה בזה שאנו אומרים] **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים, ׳חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים׳** [הוא לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וכו׳ לְפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ. און לויט] **וואָס מ׳זאָל זיך באַרעכענען וואָס ס׳איז דער חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים, האָט קיין שִׁיעוּר נישט וואָס מ׳דאַרף צו טון, מ׳דאַרף נישט איין רֶגַע זיך פאַרגעסן, איין רֶגַע,** [מלהתעסק] **מיט הַלֵּל וְהוֹדָאָה, און מיט עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.**

**נו וואָס דען, וואָס אַ תֵּירוּץ האָט מען, ס׳איז דאָך אַ גרויסער ׳חוֹב׳.**

**נאָר דער תֵּירוּץ איז ׳שִׁכְחָה׳, מ׳פאַרגעסט,** [ולכן בהתיבות] **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים איז די ראשי תיבות שִׁכְחָה.**

**אַזוי שטייט אין ייטב פנים, אַז דעס איז אַ מליצה** [ישרה, ללמד זכות] **אויף דעם שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים, די ראשי תיבות שִׁכְחָה.**

קלג

**ווען מ׳זאָל זיך נישט ׳פאַרגעסן׳, איז נישט פאַרהאַנדן** [למנוע עצמו] **מ׳זאָל נישט געבן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה פאַר השם יתברך,** [און דעמאָלטס] **איז די בְּרָכָה טאַקע דאורייתא, איז די ברכה אַ סְבָרָא.**

**נאָר** [אפילו בכהאי גוונא הוא רק] **ס׳איז פון הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל.**

[וממילא] **איז נישט קיין קַשְׁיָא** [מה שהקשה בפני יהושע, פון] **דעם וואָס שטייט** [אַז] **די בְּרָכוֹת זענען דרבנן.**

קלד

**התחלת ישוב קושיא כד**

ובזה יובן האיך דרשו ענין הברכות מהלשון וְלֹא ׳שָׁכָחְתִּי׳ דייקא, דמי שאינו נופל במדת השכחה, אצלו קיים הסברא לברך לה׳ על כל דבר

**איבערדעם איז רעכט וואָס רש״י זאָגט** [במסכת ברכות, מלברכך] **אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו,** [ווייל] **אַז ער זאָגט אָבער לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא ׳שָׁכָחְתִּי׳, איך האָב מיך**

---

[סח] ועיין בזה באורך **בחובת הלבבות, בשער הכניעה** המיוסד על זה.

[סט] **בייטב פנים** לחנוכה (אות א): כי שמעתי [לפרש] מה שאומרים בשבת קודש (בסוף פסוקי דזמרה) **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים**, ראשי תיבות שִׁכְחָה. הענין, כי איך יצאנו ידי חובותינו, מה שאנו חייבין להלל ולהודות לשמו ית׳ בכל עת ובכל שעה, על רוב נפלאותיו וטובותיו, וכמו שנאמר (תהלים קנ, ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל, ואמרו ז״ל (בראשית רבה יד, ט) על כל נשימה ונשימה תהלל. ומי גבר יזכה לזה, לפרוע חובות השבח וההודאה לשמו ית׳. **אבל המליצה** עבור זה, כי ראשי תיבות הוא שִׁכְחָה, שֶׁמָּה שאינו משבח ומהלל, הוא מחמת שנטבע בנו כֹּחַ הַשִּׁכְחָה, לשכוח טובותיו ונפלאותיו אשר הם בכל עת ובכל שעה, ואין בעל הנס מכיר את ניסו (נדה לא.), **עד כאן שמעתי.** [ועיין פירוש זה **באהבת שלום** (קאסוב, בדרוש הראשון לר״ה)].

KolSatmar.com

נישט 'פאַרגעסן', איך בין נישט אַריינגעפאַלן אין דעם פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ (עקב שם, יא), אַז ס'איז וְלֹא 'שָׁכָחְתִּי', ממילא איז די בְּרָכָה [א] דאורייתא. (ראה עוד באות קמ-קמג)

קלה

**ישוב קושיא כב-כג**

ומיושב גם כן מה שנדחקו האיך אפשר לדרוש מהפסוק ענין הברכות שהם מדרבנן, דמי שאינו במדת השכחה אצלו שפיר שייך הסברא דאורייתא לברך על כל דבר, ומה שאמרו דהוא רק מדרבנן הוא לאותן שנופלים במדת השכחה

איבערדעם איז דאָס טאַקע ביידע אֱמֶת, [און] ס'איז הָא בְּהָא תַּלְיָא [בענין אם היה בו מדת השכחה או לא].

טאַקע די בְּרָכָה [שדרשו כאן] איז טאַקע [הנוסח] אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ אַזוי ווי רש"י זאָגט [על הגמרא]. איי די בְּרָכוֹת זענען מדרבנן, [דאָס איז נאָר] ווייל אַזוי איז אַמאָל[ע], די הֲלָכָה איז אַמאָל אַזוי, פון הֶעָרַת הַתּוֹרָה איז אַמאָל אַזוי, אָבער [מצד] הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל איז עס דְאוֹרַיְיתָא, און דאָס אַליין איז טאַקע די סְבָרָא דערפון.

און דאָ איז עס אַ דָּבָר הַמּוּבָן [גם מצד הערת התורה, כאָטש] עקסטער איבעראָל איז דאָך עס פאַרהאַנדן איז דאָך דאָס צוויי זאַכן, מיט קיין סְבָרָא ווערט נישט די הֶעָרַת הַתּוֹרָה [להתהוות מצוה מחודשת, וכדברי הצל"ח], נאָר מ'איז מְחוּיָב מצד הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל, אַ יעדע סְבָרָא [אף בענין מחודש, אלא שאי אפשר להגבילו], אַזוי ווי דער חובת הלבבות זאָגט.

אָבער דאָ איבערהויפט [שענין הכניעה לה' והכרת הטוב לה' אינו ענין מחודש כלל, והרבה פסוקים מדברים מזה, וכמו במצות ביכורים עצמו, וממילא] איז עס אַ זאַך וואָס ס'איז טאַקע מוּסְבָּר [מצד שתי ההערות] אינאיינעם, איבערדעם איז דאָס טאַקע [אפילו] מִסְּבָרָא אַליין העט עס טאַקע געוועןן דְאוֹרַיְיתָא.

קלו

אָבער 'אַזוי' [לפי המצב של רובא דאינשי], טאָמער איז מען ביי דער בחינה [פון 'שכחה'], איז 'אויס' סְבָרָא, איז עס שוין נישט קיין סְבָרָא.

איבערדעם איז דאָס דער חילוק וואָס תוספות זאָגט [דלעיל במשנה אמרו אצל] בעל קרי שאינו מברך 'לפניו', וואָרן [סוף סוף] וויבאַלד אַז ס'איז נישט 'בְּעֶצֶם' קיין דְאוֹרַיְיתָא, נאָר מִכֹּחַ סְבָרָא [דאסור ליהנות בלא ברכה], און דער קַל וָחֹמֶר [כשהוא שבע מברך וכו'] איז [אויך] נאָר מִכֹּחַ 'דער' סְבָרָא, אַלעס איז געווענדט אין דעם, [וממילא] אָבער ביי אַזאַ מַצָּב אַז ס'איז 'אויס' מיט דער סְבָרָא, איז אויס מיטן קַל וָחֹמֶר, איז דאָך דאָס גאַנצע נישט [שייך, ממילא] איז דאָס גאַנצע נאָר אַ דְּרַבָּנָן.

איבערדעם איז דאָס ביידע אֱמֶת וְיַצִּיב [דשייך לדורשו מן הפסוק, ואפילו הכי כתבו הפוסקים דלמעשה הוא נחשב כדרבנן].

קלז

**הקדמה לישוב קושיא יט, ולהמשך ישוב קושיא כד**

בריש הזית רענן מפרש המגן אברהם דברי המדרש שבזכות מעשר נברא העולם. על פי מה שפירשו בהמשך פסוק דידן לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ 'וְלֹא שָׁכָחְתִּי', כי איתא בגמרא דהאוכל ממה שאכלו עכברים משכח תלמודו, ומבואר במדרש דנתינת מעשר מציל מן העכברים, ולזה אמר הפסוק דאם לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ בהפרשת מעשרות, אזי 'וְלֹא שָׁכָחְתִּי' דברי תורה

אין דעם ענין [פון] לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ 'וְלֹא שָׁכָחְתִּי'.

---

[ע] פירוש: בכל אופן.

דער מגן אברהם זאָגט דאָ, ס'איז דאָ פון מגן אברהם איז דאָ אַ ספר[עא] זית רענן. זאָגט ער פאָרנט [בתחלת הספר, בקונטרס שמן ששון] אין **פרשת בראשית**[עב] אָנהייב, אויף דעם שטיקל **מדרש**[עג] [רבה, שהבאתי לעיל][עד], אַז בִּזְכוּת מַעֲשֵׂר איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט.

קלח

זאָגט ער אַזוי.

ס'שטייט לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי.

[ופירשו בזה, דהנה] אין **מדרש רבה פרשת עקב**[עה] שטייט, ס'איז געקומען דאָרטן איינער פון די תַּנָּאִים, מ'האָט זיך געקלאָגט [לפניו] אַז די עַכְבְּרִים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די תְּבוּאָה, זיי האָבן געמאַכט חָרוּב די תְּבוּאָה. האָט ער זיי געענטפערט [אַז] מִסְתָּמָא האָבן זיי נישט גע'מַעֲשֵׂר'ט, [און] אַז עטס וועטס מַעֲשֵׂר'ן, וועלן נישט קומען די עַכְבְּרִים. און וְכֵן הֲוָה, [ווען] מ'איז נִזְהָר געווען אין מִצְוַת מַעֲשֵׂר, זענען נישט געקומען די עַכְבְּרִים.

און די גמרא זאָגט דאָך אין **הוריות**[עו], אַז [אויב] מ'עסט וואָס אַן עַכְבָּר עסט, איז מְשַׁכֵּחַ תַּלְמוּדוֹ, פאַרגעסט מען דאָס לערנען.

איבערדעם זאָגט ער [דזהו הנרמז בהפסוק לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי], אַז מ'וועט

---

[עא] הכוונה על דפוס הזית רענן (שעל הילקוט שמעוני) הנדפס תחלה כספר בפני עצמו (ולא ביחד עם המדרש), ובראש הספר נדפס שם קונטרס שמן ששון, ובו חידושים על התורה, מפרשת בראשית עד פרשת חיי שרה.

[עב] בקונטרס שמן ששון שבריש ספר זית רענן (בראשית, אות ב): **במדרש** (בראשית רבה א, ד), [בְּרֵאשִׁית] **בזכות מַעֲשֵׂר נברא עולם**, שנקרא רֵאשִׁית, היך מה דאת אמר (דברים יח, ד) רֵאשִׁית דְּגָנְךָ. ומקשה בספר מהרר"י, הלא רֵאשִׁית דְּגָנְךָ קאי על תרומה. ויש לומר דגם מַעֲשֵׂר קרוי רֵאשִׁית כדאיתא פ' דתרומה. ○ אך קשה מנא לן דאמעשר קאי, דלמא אתרומה קאי. עוד קשה למה דוקא בזכות מצוה זו. ○ שמעתי בשם רבי משה דרשן מפוזנא, דכתיב בוידוי מעשר, לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי. דאיתא בְּרַבָּה פרשת עקב, שאם אין מְעַשְּׂרִים כראוי, העכברים אוכלין. ואיתא בהוריות (יג:) האוכל ממה שעכבר אוכל, מְשַׁכֵּחַ תלמודו. אם כן אמר, לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ, שנתתי מַעֲשֵׂר כראוי, וְלֹא שָׁכָחְתִּי, עד כאן [מדברי ר"מ מפוזנא]. ○ ומקרא מלא (ירמי' לג, כה) אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי, אם כן שפיר אמר בזכות מַעֲשֵׂר נברא העולם, אבל תרומה חטה אחת פוטרת הכרי, אם כן אף אם אינו נותן תרומה, אין עכבר אוכל אלא חטה אחת.

[עג] **בבראשית רבה** (א, ד): **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** (בראשית א, א) וכו'. אמר רבי בניה, **העולם ומלואו לא נברא אלא בזכות התּוֹרָה**, שנאמר (משלי ג, יט) **ה' בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ** וגו'. רבי ברכיה אמר **בזכות משה**, שנאמר (ברכה לג, כא) וַיַּרְא רֵאשִׁית לוֹ. ר' הונא בשם ר' מתנה אמר, בזכות ג' דברים נברא העולם בזכות חלה, **ובזכות מעשרות**, ובזכות ביכורים. ומה טעם, 'בְּרֵאשִׁית' בָּרָא אֱלֹקִים, ואין ראשית אלא חלה, שנאמר (שלח טו, כו) רֵאשִׁית עֲרִסֹתֵכֶם. ואין ראשית אלא מעשרות, היך מה דאת אמר (דברים יח, ד) רֵאשִׁית דְּגָנְךָ. ואין ראשית אלא ביכורים, שנאמר (משפטים כג, יט) רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ וגו'.

[עד] בישוב קושיא ט, הנדפס בחלק א' של הקונטרס [עי"ש באות סט שהביא רבינו דברי הבראשית רבה, ושם באות ע מזכיר רבינו שבהמשך הדרוש יביא גם פירוש המגן אברהם על זה].

[עה] **בדברים רבה** (ג, ג): **ושוב מעשה בר' פנחס בן יאיר, שהלך לעיר אחת והיו העכברים אוכלים בתחומה של אותה העיר באו ובקשו הימנו.** מה עשה רבי פנחס בן יאיר, אמר להן למה אין אתם מפרישין מעשרותיכם כראוי, מבקשין אתם שנערוב אתכם שאם אתם מפרישין מעשרותיכם כראוי אין עכברים אוכלין. עוד אמרו לו אין, ערב אותן. והלכו העכברים ולא נראו עוד.

[עו] **בגמרא הוריות** (יג:): תנו רבנן, חמשה דברים משכחים את הלימוד, האוכל ממה שאוכל עכבר וממה שאוכל חתול, והאוכל לב של בהמה, והרגיל בזיתים, והשותה מים של שיורי רחיצה, והרוחץ רגליו זו על גבי זו. ויש אומרים אף המניח כליו תחת מראשותיו. חמשה דברים משיבים את הלימוד, פת פחמין וכל שכן פחמין עצמן, והאוכל ביצה מגולגלת בלא מלח, והרגיל בשמן זית, והרגיל ביין ובשמים, והשותה מים של שיורי עיסה. ויש אומרים אף הטובל אצבעו במלח ואוכל. הרגיל בשמן זית, מסייע ליה לרבי יוחנן, דאמר רבי יוחנן כשם שהזית משכח לימוד של שבעים שנה, כך שמן זית משיב לימוד של שבעים שנה.

KolSatmar.com

האַלטן מַעֲשֵׂר וועט נישט זיין קיין עַכְבְּרִים, דעמאָלטס ווען סטו געדענקען וואָס דו האָסט געלערנט, [ולזה אמר] **לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ** [מלהפריש] מַעֲשֵׂר, איז ממילא **וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, האָב איך נישט פאַרגעסן די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

אַזוי זאָגט דער מגן אברהם.

קלט

וזה שאמרו דבזכות מַעֲשֵׂר נברא העולם, והיינו בזכות התורה שעליה עולם עומד, ונקט מעשר כי על ידה זוכרין התורה

[און] מיט דעם טייטשט ער פאַרוואָס **בִּזְכוּת מַעֲשֵׂר** [נִבְרָא הָעוֹלָם, וכמו שדרש המדרש] בְּרֵאשִׁית [בשביל מעשר הנקרא ראשית] נִבְרָא הָעוֹלָם.

ווייל די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן **בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה** שֶׁנִּקְרָא רֵאשִׁית[עז], דאָס גאַנצע [בריאת העולם] איז נאָר [ווייל ה'] 'בְּחָכְמָה' יָסַד אָרֶץ (משלי ג, יט), **בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה**. און אַז ס'זאָל 'בלייבן' די **תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [חקוק בלב, באופן] מ'זאָל נישט פאַרגעסן, מוז מען האָבן **מִצְוַת מַעֲשֵׂר** [דסגולתה להבריח השכחה הבאה על ידי העכברים]. איבערדעם איז באַשאַפן געוואָרן [די וועלט] דורך מַעֲשֵׂר, וואָרן דורך מַעֲשֵׂר איז דאָ די **תּוֹרָה**.

אַזוי זאָגט דער **מגן אברהם**, דאָרטן אין דעם **זית רענן** פאָרנט זאָגט ער עס.

קמ

המשך ישוב קושיא כד

קען זיין, [לויט] ווי ער שטעלט אַראָפּ [פְּשַׁט אין] **לֹא שָׁכָחְתִּי**, גייט עס אַרויף אויף **הֶעָרַת הַתּוֹרָה** [שלא שכח דברי התורה שלמד]. און דאָ [במשנה דביכורים] זאָגט מען עס אויף די **בְּרָכוֹת**, [שלפי המבואר לעיל נמצא דהוא] אויפן **הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל** [שלא שכח חובת האדם לעבוד את בוראו].

קמא

אָבער ס'איז ביידע אֱמֶת, [כי] הָא בְּהָא תַּלְיָא [זכירת חיוב עבודתו לה' עם זכירת התורה, דהיינו הערת התורה והערת השכל].

[ועל שניהם הוא אומר] **לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, איך האָב מיך נישט פאַרגעסן, איך בין נישט אַריינגעפאַלן אין **מִדַּת הַשִּׁכְחָה** [כענין הנאמר בפסוק וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' וגו', און] אַז איך בין נישט אַריינגעפאַלן אין מִדַּת הַשִּׁכְחָה, ממילא האָט מען געמאַכט **בְּרָכוֹת** [בכוונת הלב, כראוי וכהוגן].

איבערדעם זאָגט ער, **דער סִימָן וּמִבְחָן** איז [אויף **לֹא שָׁכָחְתִּי** מדברי התורה ועבודה, אַז] איך האָב געמאַכט **בְּרָכוֹת** וויאַזוי ס'קער צו זיין.

קמב

[ולפי זה נמצא] דער **וְלֹא שָׁכָחְתִּי** 'מִלְּבָרֶכְךָ', ליגט דאָס אין דעם [לשון] **וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, און ס'שטייט טאַקע [אין פסוק], און ס'קאָן שטיין אין די **תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה**, [ווייל כאָטש] מ'האָט דאָס נישט געזאָגט בְּפֵירוּשׁ, וואָרן ס'איז דאָך נישט פון די [תרי"ג] **מִצְוֹת הַתּוֹרָה** איז עס נישט, ס'איז נאָר פון **הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל**, [פונדעסטוועגן] איז עס ממילא געדרינגען אַזוי, [ווייל] דאָס ליגט אין דעם **וְלֹא שָׁכָחְתִּי**, ס'שטייט טאַקע נישט בְּפֵרוּשׁ

---

[עז] כמבואר באותו מדרש שבבראשית רבה שם. - והלשון בשביל התורה 'שנקרא ראשית', הוא מלשון רש"י בראשית (א, א): בְּרֵאשִׁית בָּרָא אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני, כמו שאמרו רבותינו רז"ל בשביל התורה שנקראת רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ (משלי ח, כב), ובשביל ישראל שנקראו רֵאשִׁית תְּבוּאָתֹה (ירמי' ב, ג).

אַרויס אַז מ'איז מְחוּיָב אַ בְּרָכָה צו מאַכן, וואָרן דער חִיּוּב סְתָּם פאַר 'דער וועלט' איז טאַקע נאָר מִדְּרַבָּנָן, נאָר ביי דעם [איד] וואָס איז [במדריגת] לֹא שָׁכָחְתִּי [אצלו שפיר שייך בו הסברא מדאורייתא].

קמג

איבערדעם זאָגט דאָס [די] משנה, ער רעכנט אויס וְלֹא שָׁכָחְתִּי, די משנה [בביכורים] און די גמרא [בברכות], וְלֹא שָׁכַחְתִּי מִלְּבָרֶכְךָ, ווייל דאָס 'ליגט' אין דעם וְלֹא שָׁכָחְתִּי, [ווייל] ביי דעם [איד] וואָס ס'איז וְלֹא שָׁכָחְתִּי איז דאָס טאַקע [א חיוב] מִכֹּחַ סְבָרָא, איז דאָס אַ הֶעָרַת הַשֵּׂכֶל [וואָס] האָט געהייסן אַז מ'דאַרף צו מאַכן אַ בְּרָכָה.

קמד

# ישוב הקושיות בפרשת בִּיכּוּרִים

## ישוב קושיא יא-יב

והנה כבר נתבאר דגם ענין הביכורים הוא בכדי להכנע ולהודות לה' על נתינת הארץ, וזה ענין השמחה הגדולה שהיתה בביכורים, וכן ענין מקרא ביכורים, כי על ידי ההגדה בקול רם נעשה הדבר חקוק בלב שלא ישתכח חובת האדם לבוראו

הַיּוֹצֵא לָנוּ מִזֶּה, וועל מיר צוקומען צום ענין [של פרשת ביכורים].

די גאַנצע בִּיכּוּרִים איז דאָך אויך די זעלבע, אַז מ'זאָל זיך נישט פאַרגעסן, [וכאזהרת הכתוב פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וגו'] וְרָם לְבָבֶךָ 'וְשָׁכַחְתָּ', אַז מ'זאָל געדענקען אַז נְתִינַת הָאָרֶץ איז פונעם באַשעפער, מ'זאָל נישט קומען צו די מִדָּה פון שִׁכְחָה, אַזוי זאָגן זיי דאָך אַלע [מפרשים בענין הביכורים] (וכדלעיל באות סט-ע).

און דאָס איז די שִׂמְחָה [הנאמר בפסוק וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב], דאָס גייט אויף נְתִינַת הָאָרֶץ, [וזהו גם ענין 'מקרא ביכורים' אז] מ'זאָל מְגַלֶּה דַּעַת זיין בְּקוֹל רָם אַז ס'קומט פונעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (וכדלעיל באות ע מהאברבנאל), [כדי] מ'זאָל נישט קומען לִידֵי שִׁכְחָה.

קמה

וכעין שדרשו בפסוק זכור ולא תשכח, דלא סגי בלב,
רק צריך גם לזכור בפה. והטעם כדי שיהיה הזכירה יותר חזק

[ווי] די גמרא זאָגט[עח], [כתיב (תצא כה, יז ויט)] זָכוֹר [אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, און] אַל תִּשְׁכָּח, יָכוֹל האָט איך געוואָלט מיינען ס'איז די זְכִירַת הַלֵּב, כשהוא אומר אַל תִּשְׁכַּח איז דאָך שוין שִׁכְחַת הַלֵּב אָמוּר, נאָר הֲוֵי [אומר] זָכוֹר בְּפֶה.

[וטעם מצות] זָכוֹר בְּפֶה [הוא גם כן] כדי מ'זאָל געדענקען[עט] [בלב היטב], אַז מ'זאָל האָבן אַן אֱמֶת'דיגע זְכִירָה [גם בלב].

קמו

[ועל דרך זה] דאָס איז די גאַנצע מִצְוַת בִּכּוּרִים קומט אויך אויף דעם. [ולכן צותה התורה לומר הִגַּדְתִּי הַיּוֹם וגו', וכן וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ וגו', כי ההזכרה בפה מעורר הזכירה בלב והכוונה, ולכן גם כן צריך לומר בקול רם, דהקול מעורר הכוונה]. (ומיושב קושיא יב).

---

[עח] בגמרא מגילה (יח.): קראה [להמגילה] על פה, לא יצא וכו'. מנלן, אמר רבא אתיא זכירה זכירה, כתיב הכא וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים, וכתיב התם כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, מה להלן בספר, אף כאן בספר. ○ וממאי דהאי זְכִירָה 'קריאה' היא, דלמא עיון בעלמא. לא סלקא דעתך, דתניא זָכוֹר, יכול 'בלב', כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אָמוּר, הא מה אני מקיים זָכוֹר, 'בְּפֶה'.

ובספרי (סוף כי תצא): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. זָכוֹר 'בפה', וְאַל תִּשְׁכַּח 'בלב'.

[עט] עיין בזה ברמב"ן סוף כי תצא.

קמז

ואתי שפיר הסמיכות מביכורים לוידוי מעשר, כי הביכורים הם שלא ישכח כל זאת, וכן בוידוי מעשר מזכירין ענין זה באומרו וְלֹא שָׁכָחְתִּי, וכמבואר לעיל

**ממילא איז דאָס איין זאַך** [מצות **ביכורים**, ומצות **וידוי מעשר**. שענין ההגדה ומקרא ביכורים הוא בכדי שלא לשכוח ענין זה שהכל בא לו בחסד מה', ושצריך להודות ולהלל לפניו ולשמוח בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלקיך. והוא כענין הנזכר בפסוק **וְלֹא שָׁכָחְתִּי** 'מלברכך', הנאמר בוידוי מעשר, ומובן סמיכות הפרשיות]. (ומיושב קושיא יא).

קמח

הקדמה לישוב קושיא יט-כ

והנה בברכת המזון צריך להזכיר בברכת הארץ גם ברית 'ותורה', וכתב רש"י הטעם כי נתינת הארץ הוא רק בזכות התורה ובתנאי קיום התורה

[והנה] **די גמרא זאָגט**[פ], **די דריי בְּרָכוֹת וואָס מ'מאַכט ביים בענטשן, - אין ברכות** - **זאָגט די גמרא**, [ילפינן להו מדכתיב] **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** [עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ] (עקב ח, י), **וּבֵרַכְתָּ** [אֶת ה'] **זו ברכת המזון**[פא] **וברכת הַזָּן, עַל הָאָרֶץ זו ברכת הָאָרֶץ, הַטּוֹבָה זו** [בנין] **ירושלים.**

[ובענין שדרשו] **עַל הָאָרֶץ זוּ בִּרְכַּת הָאָרֶץ, נאָכדעם זאָגט די גמרא**[פב] **צריך שיזכיר בה בְּרִית וְתוֹרָה.**

קמט

**זאָגט רש"י**[פג], [לפרש] **וואו קומט תּוֹרָה** [לברכת המזון].

**זאָגט דאָך רש"י, ווייל אַז מ'איז מַזְכִּיר נְתִינַת הָאָרֶץ, מוז מען זאָגן תּוֹרָה, ווייל דורך די תּוֹרָה**[פד] **האָט מען געגעבן הָאָרֶץ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. פאַרדעם זאָגט מען תּוֹרָה, אַזוי זאָגט רש"י,** [אַזוי] **טייטשט רש"י דאָרטן אַז דאָס איז דער טַעַם פון** [הזכרת] **תּוֹרָה, אַז מ'גיט אַ שְׁבַח אויף בִּרְכַּת הָאָרֶץ.**

---

[פ] **בגמרא ברכות** (מח:): תנו רבנן, סדר ברכת המזון כך היא, ברכה ראשונה ברכת הַזָּן, שניה ברכת הָאָרֶץ, שלישית בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם, רביעית הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, וכו'. ○ תנו רבנן, מנין **לברכת המזון מן התורה**, שנאמר **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ** זו ברכת הַזָּן, **אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** זו ברכת הַזִּמּוּן, **עַל הָאָרֶץ** זו ברכת הָאָרֶץ, **הַטּוֹבָה** זו בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם, וכן הוא אומר (ואתחנן ג, כה) הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה וְהַלְּבָנֹן, **אֲשֶׁר נָתַן לָךְ** זו הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב. אין לי אלא לאחריו, **לפניו** מנין, אמרת קל וחומר, **כשהוא שבע מברך, כשהוא רעב לא כל שכן**. רבי אומר, **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ** זו ברכת הזן אבל ברכת הזמון מגדלו לה' אתי נפקא, **עַל הָאָרֶץ** זו ברכת הָאָרֶץ, **הַטּוֹבָה** זו בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם וכו', הטוב והמטיב ביבנה תקנוה, אין לי אלא לאחריו **לפניו** מנין, תלמוד לומר **אֲשֶׁר נָתַן לָךְ**, משנתן לך וכו'.

[פא] נראה דצריך לומר ברכת הַזִּמּוּן.

[פב] להלן שם **בגמרא ברכות** (מח: מט.): תניא, רבי אליעזר אומר, כל שלא אמר **אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה** בברכת הארץ, **וּמַלְכוּת בֵּית דָּוִד** בבונה ירושלים [פירש"י: שעל ידו נתקדשה ירושלים], **לא יצא ידי חובתו. נחום הזקן אומר, צריך שיזכור בה בְּרִית** [בברכת הארץ, שעל ידי ברית נתנה לאברהם, בפרשת מילה (לך יז, ח) וְנָתַתִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֵת אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ], רבי יוסי אומר צריך שיזכור בה **תּוֹרָה** [שאף בזכות התורה והמצות ירשו את הארץ, שנאמר (עקב ח, א) לְמַעַן תִּחְיוּן וּרְבִיתֶם וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ]. **פלימו אומר, צריך שיקדים ברית לתורה** [כגון עַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ, וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ, וְעַל חַיִּים שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ], שזו ניתנה בשלש בריתות [בשלשה מקומות נתנה תורה לישראל, בסיני, ובאהל מועד וכו', ובערבות מואב, ובכל אחד נכרתה ברית וכו'], וזו ניתנה בשלש עשרה בריתות [בפרשת מילה שנתנה לאברהם (לך פרק יז) אבינו הם כתובים] וכו'. **וכל שאינו אומר ברית ותורה בברכת הארץ, ומלכות בית דוד בבונה ירושלים, לא יצא ידי חובתו.** ○ מסייע ליה לרבי אילעא, דאמר רבי אילעא אמר רבי יעקב בר אחא משום רבינו, **כל שלא אמר ברית ותורה בברכת הארץ, ומלכות בית דוד בבונה ירושלים, לא יצא ידי חובתו.**

[פג] לשון רש"י הובא לעיל בסמוך על דברי הגמרא. וכן כתב **בפי' רבינו יונה** על הרי"ף שם, **ובלבוש, ובשלחן ערוך התניא** (או"ח קפז, ד), והם מוסיפים על דברי רש"י גם את הפסוק (תהלים קה, מד-מה) **וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וגו' בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו וגו'.** [ועיין הראיה מפסוק זה ועוד מקורות על זה **בויואל משה** (ב, מג. ועוד)].

[פד] בזכות התורה, ובתנאי קיום התורה.

KolSatmar.com

קנ

וכן מפרש באור החיים הק׳, דהברכה של נתינת הארץ הוא רק בתנאי אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם

זעט עפּעס אויס [גם כן], אַז מ׳טאָר נישט פאַרגעסן [בשעה שמזכירין שבח נתינת הארץ, אַז] דאָס איז געבינדן אינאיינעם [עם הַתּוֹרָה. ווייל] אָן די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה איז נְתִינַת הָאָרֶץ קיין שְׁבַח, [אלא] אַדְּרַבָּה חלילה, אַזוי ווי דער **אור החיים הקדוש** זאָגט[פה], [דעל נְתִינַת הָאָרֶץ קאי מה שנאמר פרשת ראה] די בְּרָכָה [בתנאי אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם], און חָלִילָה [היפך זה, אִם לֹא תִשְׁמְעוּ וגו׳], איך וויל נישט זאָגן דער ׳אַנדערער׳ פאַל.

אַ בְּרָכָה [בנתינת הָאָרֶץ] איז נאָר מיט תּוֹרָה.

קנא

**ישוב קושיא יט**

ועל כן גם בזמן השמחה של הבאת ביכורים, צריכין להזכיר גם שבח ׳התורה׳, שבה תלוי ירושת הארץ

איבערדעם איז רעכט [המשך דברי המדרש שבקושיא יט-כ].

די בִּכּוּרִים, די גרויסע שִׂמְחָה איז דאָך, ווייל ס׳איז די שִׂמְחָה אויפן נְתִינַת הָאָרֶץ, אַזוי ווי זיי זאָגן אַלע פְּשַׁט[פו]. [וכדמפורש בקרא הִגַּדְתִּי הַיּוֹם] כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה׳ לַאֲבֹתֵינוּ [וכן בהמשך הפרשה. וכשנותנין שבח על נְתִינַת הָאָרֶץ] מוז מען וויסן [שהוא מקושר עם ׳תּוֹרָה׳], טאָר מען נישט פאַרגעסן [פון תּוֹרָה, דאָס] מוז זיין [מיט די] הַזְכָּרַת [השבח] פון תּוֹרָה.

קנב

ולזה אמר הכתוב וְשָׂמַחְתָּ בְכָל ׳הַטּוֹב׳, ודרשו במדרש אֵין טוֹב אֶלָּא ׳תּוֹרָה׳, דצריך להזכיר בה תורה וכדרך שמזכירין התורה בברכת המזון

איבערדעם איז רעכט [דברי המדרש], וְשָׂמַחְתָּ בְכָל ׳הַטּוֹב׳, אֵין טוֹב אֶלָּא ׳תּוֹרָה׳.

[ווייל] איך מוז דאָך אַזוי זאָגן [להזכיר גם תּוֹרָה], אַזוי ווי אין לשון פון **חכמינו ז"ל**[פב] [בברכת המזון דצריך שיזכיר בה ׳תּוֹרָה׳], אַזוי ווי ס׳שטייט ביי ׳בִּרְכַּת הָאָרֶץ׳ ביים בענטשן [אַז] מ׳איז נישט יוֹצֵא [אַנדערש, נאָר] מ׳מוז מַזְכִּיר זיין תּוֹרָה, אַזוי ווי מ׳זאָגט וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ וְעַל חֻקֶּיךָ שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ, וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ זאָגט מען אין בענטשן. [און] וואו קומט דאָס אַהער, זאָגט דאָך **רש"י** דאָרטן אין [מסכת] ברכות[פב] [אַז] ס׳קומט אַהער ווייל אַז מ׳איז מַזְכִּיר עַל הָאָרֶץ שֶׁהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ ברויך מען צו זאָגן עַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ.

איבערדעם איז רעכט, בִּכּוּרִים קומט דאָך אינגאַנצן אַ הוֹדָאָה אויפן נְתִינַת הָאָרֶץ, כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ, איבערדעם פירט ער אויס [דער פסוק] וְשָׂמַחְתָּ בְכָל ׳הַטּוֹב׳ [זו תּוֹרָה], איז דאָ הַזְכָּרַת תּוֹרָה.

קנג

**ישוב קושיא כ**

וממשיך המדרש לפיכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר, והוא על דרך שכתב המגן אברהם דמסגולת מצות מעשר הוא להנצל מעכברים, ובזה ינצלו מידי שכחת התורה

זאָגט ער ווייטער [במדרש, לפיכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר].

---

[פה] **באור החיים הק׳** ריש פרשת ראה. וכבר הזכיר רבינו דבריו באורך לעיל בהדרוש (בהנדפס בחלק א׳ של הקונטרס, אות ע) ושם העתקנו לשונו.

[פו] כדלעיל באות סז-ע. וכן האריך רבינו בזה לעיל בהדרוש (הנדפס בחלק א׳ של הקונטרס) בישוב קושיא ט [לבאר ענין השמחה שמצינו בהבאת ביכורים].

KolSatmar.com

[ווייל] אַז מ'זאָגט תּוֹרָה - זאָגט דאָך שוין דער מגן אברהם - מוז מען האָבן צו דעם מַעֲשֵׂר, אַזוי ווי ער זאָגט [פְּשַׁט במה שאמרו] בִּזְכוּת מַעֲשֵׂר נִבְרָא הָעוֹלָם, [דהכוונה על קיום 'התורה' שעל ידי מעשר, שעל התורה נאמר] אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה [חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי, דקיום העולם הוא] דורך די תּוֹרָה. [און] ווען נישט מַעֲשֵׂר, פאַרגעסט מען די תּוֹרָה, [כדמפרש המגן אברהם במאמר הכתוב] לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי. (וכדלעיל אות קלז-קלט).

קנד

איבערדעם זאָגט ער דאָס [במדרש], וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל 'הַטּוֹב', [אין טוב אלא 'תורה']. אויפן נְתִינַת הָאָרֶץ מוזטו דיך פרייען און מַזְכִּיר זיין די תּוֹרָה.

לְכָךְ משה מזהיר את ישראל 'עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר', [בכדי] אַז ס'זאָל נישט זיין קיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה. [וכוונת המדרש, איז] טאַקע אַזוי ווי דער מגן אברהם זאָגט דאָרטן פְּשַׁט [אין] וְלֹא שָׁכָחְתִּי. - איבערדעם איז מוּבָן דער מדרש.

רא

## ברכת הקודש

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן [אויך] ביז דערווייל, מ'זאָל זוֹכֶה זיין [לתשובה שלימה].

דער אייבירשטער זאָל העלפן - מ'איז היצט אין די יְמֵי אֱלוּל - מ'זאָל זוֹכֶה זיין צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

מ'זאָל האָבן די הַשְׁפָּעָה מִן הַשָּׁמַיִם [להתעורר בתשובה].

דער בּוֹרֵא עוֹלָם זאָל רַחְמָנוּת האָבן, מ'זאָל 'קענען זאָגן' עפּעס 'ווערטער' [בתפילה לפני הקב"ה].

מ'זאָל מיר גיין אין דֶּרֶךְ הָאֱמֶת.

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים [יקבל תפלותינו], ס'זאָל נִתְקַבֵּל ווערן תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים פון אידן, פאַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

[והעיקר הוא שכבר נוושע במהרה בתשועת עולמים].

טאַקע ווי דער נועם אלימלך זאָגט[פז], 'וְעַתָּה' הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל [בָּאָה אֵלָי], דאָס ברויך צו זיין 'שוין' ברויך דאָס צו זיין, [דכבר הגיעו לבחינת] וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ. [ודייק בזה דלכאורה] ער האָט געברויכט צו זאָגן [רק] וְהִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, [ומהו 'וְעַתָּה', [אלא הכוונה כי] ס'איז אַ זאַך וואָס ס'ברויך צו זיין שוין.

מ'זאָל בִּמְהֵרָה געהאָלפן ווערן, ס'זאָל זיין בִּמְהֵרָה.

מ'זאָל מיר האָבן אַ שְׁנַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה.

מ'זאָל נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה.

מ'זאָל מיר מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ מִתּוֹךְ נַחַת וְשִׂמְחָה, וּבִקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה. בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[פז] בנועם אלימלך פרשת שמות. והביאו רבינו לעיל בתוך הדרוש (במה שיודפס אי"ה בחלק ג' של הקונטרס).

KolSatmar.com